STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04557

DI SHKHINE IN GOLES

I. B. Tsipor

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ב. צפור.

די שכינה אין גלות.

א מיסטעריע אין פינף טיילען.

ווארשא. תרע"ד.

דרוק אוניווערסאל, לעשנא 31

Ди шхино инъ голусъ. Соч. I. Б. Ципоръ.
Тип. „Универсалъ“, Варшава, Лешно № 31.

LABOR EDUCATIONAL ALLIANCE
LIBRARY
287 Windsor Ave., HARTFORD, CONN.

* *
*

צווישען שטורמען, ריעזענכוואַליעס,
אויף דעם ברייטען ים פון לעבען,
מוזטו תמיד, מענש מיין ברודער,
שווימען, שטרעבען.

ביזט צום לעבען פעסט געבונדען;
ליעבסט עס און דו מוזט עס ליעבען—
ס'מוז פון טויט דער שווארצער שאָטען
דיך בעטריבען.

אייביג וועט דיין הארץ זיך צאַפּלען,
ציטערען וועט יעדער אָבר
פרעגענדיג זיך: „וואָס בעהאַלט אונז
דאָרט דער קבר?"—

און ווען זאָלסט אפילו וויסען—
ס'איז דער טויט אַ גליק, אויף זיכער,
וועסטו אַליין נישט וועלען שטאַרבען—
ליידען גיכער!...

ס'העלפט נישט; ביזט אַזוי געשאַפען...
לעבסט—און דאַרפסט דעם שיקזאַל דאַנקען,
ווייל ס'האָט צוויי מתנות גרויסע
דיר געשאַנקען.

מיט די צוויי מתנות קאָנסטו,
מענש מיין ברודער, תמיד שטרעבען
און ערווערבען דיר דאָס בעסטע
פון דעם לעבען.

צוויי מתנות: וויסען, גלויבען —
מענש, פעראייניג זיי בעצייטען,
איז דיין שווערד דאַן גוט געשאַרפט פון
ביידע זייטען!...

גלויב נור פעסט אין דיינע כחות,
לאָז פון צווייפעל דיך נישט וויגען:
מעגסטו פריי און שטאָלץ דיר קעמפפען —
דו וועסט זיעגען!...

די שכינה אין גלות

געווידמעט מיין זעליגער מוטער.

פערזאָנען:

די שְׁכִינָה.

אַ שטימע פון אויבען.

מענשען:

דָוִד — אַ יונגער לַמְד־וָאוּ'ניק.

עֲזַרְיָה — אַנ'אַלטער לַמְד־וָאוּ'ניק.

זיעבען אַנדערע לַמְד־וָאוּ'ניקעס.

לֶמֶךְ — אַ האָלצהעקער.

אַנ'אַלטע כְּשוּפ'טע.

אַ יונגע כְּשוּפ'טע.

דריי גרעבער.

אַ מְשוּגָע'נער פּאָעט.

אַ בלינדער בעטלער.

אַ קְבָרוֹת־יוד.

אַ חַזָן.

חֶבְרָה־שַׁמָשִׁים, תַּלְמוּד־תּוֹרָה־קינדער, מֵתִים, מענער, פרויען און אַנדערע.

מַלְאָכִים:

גַבְרִיאֵל.

מִיכָאֵל

רְפָאֵל.

אוּרִיאֵל און אַ סַך אַנדערע מַלְאָכִים, נְשָׁמוֹת פון צַדִיקִים א. אַ. וו.

שֵׁדִים:

אַשְׁמְדַאי — דער קעניג פון די שדים.

שָׂטָן.

סַמָאֵל — דער מַלְאַךְ־הַמָוֶת.

לִילִית
אִגֶרֶת
נַעֲמָה
מָחֲלַת
} די פֿיער מאַמעס פֿון די שדים

מַשְׁחִית — גייסט פֿון דער דזשומאַ.

שַׁבְרִירִי — גייסט פֿון בלינדקייט, מיט אַ סוויטע לויכטענדע גייסטער.

קְצָרוֹת — גייסט פֿון קאָשמאַרען.

צְרָדָא — גייסט פֿון קאָפּ-וועהטאָג.

גייסט פֿון בענקעניש.

גייסט פֿון פֿיעבער.

גייסט פֿון קרעץ.

גייסט פֿון ליעבעס־וואַהנזין און אַ סך אַנדערע, יעדער מיט זיין סוויטע.

דער פֿעלד־שטיין
דער באַרג־גייסט
} שדים, וואָס טהוען דעם צדיק קיין בייז ניט.

געפּלאָגטע נְשָׁמוֹת, דורכגעהענדע שאָטענס, ווידער-קולות א. אז. וו.

געשפּענסטער:

אַ מַלְאָךְ.

אָדָם.

חַוָה.

אַ וואַסער־פֿרוי.

באַקכאַנטקעס און נימפֿען.

אַ קעניג.

אַ קעניגין.

הערען, בעטלער, בעטלערינס און אַנדערע.

ערשטער טייל.

אַ פּיערעקיג צימער אין אַ הייזעל אויסען שטאָדט. דער סופית אין ביידע זייטען שיעף ווי אַ בוידעם.—אין הינטערגרונד, פּונקט אין מיטען צימער—אַ טהיר מיט פיער טרעפּלעך אראָבצוגעהן. אַ קליין פּענסטער אין דער וואַנד רעכטס און אַ צווייטעס—לינקס, כמעט נעבען דעם סופית. אויף דער ערד, נעבען יעדער וואַנד—אַ שטרוי-זאַק. ביים צוקאָפּענס פון יעדען שטרוי-זאַק—אַ גענוג גרויסער קלומיק מיט אַ לאַנגען שטעקען. ביי דער טהיר, רעכטס, עטליכע פּאָלעצקעלעך, וואו מען זעהט ספרים און טלית-און-תפילין. דאָ און דאָרט—עטליכע קלעצלעך, גענוג ברייט, אַז אַ מענש זאָל קאָנען אויף יעדערען זיצען.

אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג, מיטעלוואוקס, הויכער שטערן, לאַנגע שוואַרצע האָר און באָרד, ווילד צושויבערט, ליעגט אויפ'ן שטרוי-זאַק, רעכטס, און זעהט-אויס צו דרעמלען.—נעבען דער טהיר, אויף דער ערד, זיצט אַנ'אַלטער שנעע-ווייסער מאַן, אַ זעקעלע אַש אויף דעם קאָפּ. נעבען איהם שטעהט אַ קלעצעל און אויף דעם קלעצעל, אין אַ לעהמעל, ברענט אַ קליין שטיקעל ליכט, וואָס האַלט שוין אין צאַנקען, וואַרפענדיג אויף די ווענד פערשיעדענע שאָטענס.—ס'איז ביינאַכט. אין דרויסען הערט זיך רעגענען, דונערען און פון צייט צו צייט זעהט מען דורך די פענסטער ווי עס בליצט.—

דער אַלטער (מיט אַ טרויעריגען ניגון).

ד' מִמָּרוֹם יִשְׁאַג וּמִמְּעוֹן קָדְשׁוֹ יִתֵּן קוֹלוֹ – (וויינט, זאָגט אַ מאָמענט שטיל און הויבט אָן העכער) עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּה. עֵינִי עֵינִי יוֹרְדָה מַּיִם, כִּי רָחַק מִמֶּנִּי מְנַחֵם מֵשִׁיב נַפְשִׁי...

(דער יונגערמאַן זעצט זיך נערוועז אויף, קוקט זיך אַרום אין צימער,

בעטראַכט אַ מאָמענט דעם אַלטען, מאַכט אַ מינע פון פערצווייפלונג, לאָזט הערען אַ טיעפען זיפץ און וואַרפט זיך צוריק אויף זיין געלעגער. — דער אַלטער (זעצט־פאָר)

שְׁכִינָה מָה אוֹמֶרֶת — קַלָּנִי מֵרֹאשִׁי, הַגְּדוּלָּה וְהַגְּבוּרָה וְהַתִּפְאֶרֶת עָבְרוּ רֹאשִׁי, וְהַנֵּצַח וְהַהוֹד אֵין דּוֹרֵשׁ לְנַפְשִׁי, וַתִּזְנַח מִשָּׁלוֹם נַפְשִׁי.

דער יונגערמאַן (שפּרינגט־אויף פון זיין געלעגער).

איך קאָן דאָס מעהר ניט איבערטראָגען!... ניין... (ער דרעהט זיך אום נערוועז הין־און־הער איבער'ן צימער)

דער אַלטער.

עַד־מָתַי, ד׳, אֶשְׁכְּבָה בֵּין שְׁפַתַּיִם וּבֵין תַּנּוּר וְכִירַיִם, יִכְהוּ לִי עֵינָיִם... (ער וויינט ביטערליך)

דער יונגערמאַן.

עַד־מָתַי?.. עַד־מָתַי?... אָט אַ פראַגע, וואָס איך שטעל מיר שוין יאָהרען־לאַנג און קיינער וויל מיר אויף איהר ניט ענטפערן... ביז ווי לאַנג נאָך איז דער שיעור צו וואַרטען? — (שפּאַצירט נערוועז איבער'ן צימער) געהט תמיד מיט די פערשאָלטענע קעטען אויף איהרע הענד און פים; טראָגט איהר געזיכט אין אַ שוואַרצען שלייער פערבאָרגען. איהר קלאָגען, איהר וויינען מאַכט ציטערן אַלע הימלען; וואַשט מיט איהרע ביטערע טרערען דעם אָרימען בעטלער; וואַשט און וואַשט און קאָן איהם ניט אָבוואַשען פון זיין אומריינקייט...

דער אַלטער (מיט צִדְקוּת)

אַזוי איז עס, און אַזוי דאַרף עס דערווייל זיין... אונמעגליך דאָס אומצוענדערן ביז די ריכטיגע צייט וועט ניט קומען..

דער יונגערמאַן.

און ווען וועט זי שוין אַמאָל קומען, די ריכטיגע צייט? ווען?.. ווען?...

דער אַלטער.

דאָס ווייסט קיינער ניט, דאָס מוז בלייבען אַ געהיימניס.

דער יונגערמאַן.

איך קאָן שוין אָבער לענגער ניט הערען איהר וויינען און קלאָגען. יעדעס מאָל, וואָס איך בעמערק איהרע קעטען, יעדעס מאָל, וואָס איך זעה ווי דורכגעווייקט איהר שוואַרצער שלייער איז פון איהרע טרערען, צינדט זיך אָן אַ פייער אין מיין האַר־צען, אַלע מיינע גלידער ציטערען פון וועהטאָג, פון ליעבע און פון פערדרוס.

דער אַלטער.

וועמעס שולד איז עס? זי האָט דאָס אַליין געוואָלט, און וויל דאָס יעצט אויך. פיעלע האָבען זי שוין געבעטען, די קע־טען און דעם שוואַרצען שלייער פון זיך אַראָבצוּוואַרפען. זי לאָזט זיך אָבער ניט טרייסטען... זי האָט זיי מיט איהרע אייגענע הענד אויף זיך אַרויפגעלעגט...

דער יונגערמאַן.

מוז עס שוין אַלזאָ אַזוי בלייבען?

דער אַלטער.

דערווייל... אַלעס איז נור אַ „דערווייל" דאָ ביי אונז...

דער יונגערמאַן:

ווער ווייס, ווי לאַנג נאָך דער „דערווייל" וועט זיך ציהען!... און זי וועט וויינען, און זי וועט קלאָגען, און יעדער וועט זי־מיט די פיס טרעטען...

דער אַלטער.

יעדע טרער, וואָס זי פערגיסט, וואַשט אָב אַ נייע שווערינ־קייט פון אונזער וועג, ברענגט אונז מיט אַ טריט נעהענטער צו אונזער ציעל.

דער יונגערמאַן.

זי ברענגט אונז נעהענטער — און מיר שלעפּען אונז צוריק...

דער אַלטער.

דאָס וועט אויך ניט לאַנג אָנהאַלטען. אַלעס, וואָס האָט אַנ'אָנהויב, מוז אויך האָבען אַנ'ענדע...

דער יונגערמאַן.

און איך זאָג דיר, אַלטער, אַז די ענדע קאָנען מיר אַליין נור ברענגען. מיר האָבען זי צו דעם טרויעריגען צושטאַנד געטריעבען, מיר אַליין קאָנען זי פון איהם בעפרייען...

דער אַלטער.

פיעלע האָבען דאָס געדענקט און האָבען צו־שפּעט זייער טעות פערשטאַנען. פיעלע האָבען דאָס אונטערגענומען און האָבען דערפאַר מיט טויזענדער לעבענס בעצאָהלט...

דער יונגערמאַן.

עס האָט זיי געפעהלט דער מוטה דעם קאַמפּף אויסצוהאַלטען...

דער אַלטער.

ס'איז נאָך ניט געווען די ריכטיגע צייט...

דער יונגערמאַן.

איך וועל זי ברענגען, די ריכטיגע צייט!..

דער אַלטער.

וואָס? דו נעהמסט דיך אונטער!..

דער יונגערמאַן.

איך וועל זי ברענגען, זאָג איך דיר.

דער אַלטער.

דו רעדסט ווי אַ קינד ...

דער יונגערמאַן.

איך מוז זי בעפרייען !.

דער אַלטער.

אַך! דאָס איז ניט מעהר, ווי אַ געדאַנק, דאָס וועט איבערגעהן...

דער יונגערמאַן.

איך שווער עס, אַלטער! איך שווער עס!...
(דער אַלטער שפּרינגט־אויף דערשראָקען. מען קלאַפּט אין דער טהיר).

דער אַלטער.

דאָס איז זי... זי האָט דיין שבועה דערהערט. (ער לויפט צו און עפענט־אויף די טהיר. עס ערשיינט אַ פרוי, אַיינגעהילט אין אַ שוואַרצען שלייער, ביי יעדער בעוועגונג, וואָס זי מאַכט, הערט מען קלינגען איהרע קעטען. די ביידע מענער בלייבען שטעהן פאַר איהר מיט עהרפורכט. די דונערען און בליצען ווערען וואָס אַ מאָל שטאַרקער. דאָס ליכטעל ווערט אויסגעלאָשען)

די פרוי;

איך וואַנדער אַרום דורך דער לאַנגער פינסטערער נאַכט, קלאַפּ אין אַלע טהירען און קיינער לאָזט מיך ניט אַריין.

דער אַלטער;

האָסטו לאַנג געזוכט דעם וועג אַהער? האָט דיך עמיצער געפיהרט אָדער האָסטו אַליין אַהער געטראָפען?

די פרוי.

די נויט איז דער בעסטער וועג־ווייזער. איך בין דורכגעגאַנגען די גאַנצע שטאָדט. אַלע שלאָפען; טהיר און פענסטער זענען געשלאָסען; קיין ליכט זעהט מען שוין ניט דאָרט... אַרויס־

קומענדיג אויסען שטאָדט, האָב איך דאָ בעמערקט אַ ביסעלע ליכט און געהערט אַ פּאָר פרײנדליכע ווערטער...

דער יונגערמאַן (מיט אַ ריהרענדער שטימע).

האָסט געהערט מיין שבועה, מוטער?

די פרוי.

האָסט צו־וועניג געדענקט איידער דו האָסט געשוואָרען, מיין קינד.

דער אַלטער.

איך האָב דאָס איהם גלייך געזאָגט.

דער יונגערמאַן.

דערפאַר וועל איך פיעל טהון, מוטער...

די פרוי.

פיעל געטהון האָבען שוין אַ סך. אויסגעפיהרט ביז יעצט האָט נאָך קיינער ניט...

דער אַלטער.

מיינע ווערטער. אַ סך האָבען דאָס אונטערגענומען און האָבען דערפאַר מיט טויזענדער לעבענס בעצאָהלט.

דער יונגערמאַן.

און וואָרום זאָלסטו זיי ניט העלפען?

די פרוי

איך טאָר קיין זאַך ניט טהון

דער יונגערמאַן.

וואָרום זאָלסטו אַליין דיינע קעטען ניט צוברעכען? וואָרום זאָלסטו אַליין ניט אַראָפּרייסען דעם שוואַרצען שלייער, וואָס

בעדעקט דיין געזיכט? דו ביזט דאָך אַזוי עדעל, אַזוי שען, מוטער! די שענקייט פֿון דיין געזיכט וואָלט די פֿינסטערע נאַכט פֿער-טריבען, און עס וואָלט דאָך ביי אונז ליכטיג געוואָרען אין יעדען ווינקעלע.

די פֿרוי.

ניט איך האָב מיר די קעטען אָנגעטהון, ניט איך האָב אויף מיין געזיכט דעם שווארצען שלייער אַרויפֿגעוואָרפֿען, און ניט איך קאָן זיי פֿון מיר אַראָבנעהמען.

דער יונגערמאַן.

ווער דען?

די פֿרוי.

יענע, וואָס האָבען מיך צום טרויער געטריבען.

דער יונגערמאַן.

איך בין איינער פֿון יענע, מוטער. מיין האַרץ ווערט אויפֿגעפֿרעסען פֿון חרטה!...

די פֿרוי.

אַזעלכע, ווי דו, זענען אָבער דאָ ווייניג, מיין קינד...

דער יונגערמאַן (וואַרפֿט זיך אויף די קניע).

מוטער, איך וועל דיך בעפֿרייען! איך מוז דיך בעפֿרייען!..

די פֿרוי.

דאָס וועט קאָסטען אַ סך לעבענס, מיין קינד.

דער אַלטער.

ווער ווייס וויפֿיעל צרות מיר וועלען דערפֿאַר אויסשטעהן?...

דער יונגערמאַן.

אָבער וועל איך אויספֿיהרען?... זאָג, מוטער?...

די פרוי.

דאָס טאָר איך דיר יעצט ניט זאָגען.

דער יונגערמאַן.

זאָג מיר, אַמווענינגסטען, וואָס איך זאָל טהון, וואוהין איך זאָל מיך קעהרען און ווענדען; איך בין גרייט אַלעם אונטערצונעהמען...

די פרוי.

איך טאָר דיר ניט זאָגען, וואָס דו זאָלסט טהון; דאָס מוז קומען פון דיין אייגענער נשמה.

דער יונגערמאַן.

זאָג מיר, אַמווענינגסטען, וואוהין איך זאָל מיך קעהרען און ווענדען.

די פרוי.

איך מעג דיר נור זאָגען, וואָס אַנדערע האָבען געזוכט און האָבען אומזיסט זייער מיה פערלאָרען.

דער יונגערמאַן.

זאָג, מוטער, זאָג, איך בעט דיך!

די פרוי.

אַנדערע האָבען געזוכט גליק און געבראַכט אונגליק אויף דער וועלט; אַנדערע האָבען געזוכט דעם אֱמֶת און געבראַכט פאַלשקייט; אַנדערע האָבען געזוכט ליכט און האָבען פערשפרייט אויף אַלע אויגען אַ געדיכטע פינסטערניש...

דער אַלטער (מיט טרערען אין די אויגען).

אַ געדיכטע פינסטערניש... אַ לאַנגע, פינסטערע נאַכט...

דער יונגערמאַן.

אַנדערע האָבען געזוכט גליק, איך וועל זוכען דעם אונגליק.

דער אַלטער.

פֿאָטער אין הימעל!...

דער יונגערמאַן.

אַנדערע האָבען געזוכט דעם אֱמֶת, איך וועל זוכען די פֿ אַ ל ש ק י י ט.

דער אַלטער.

גאָט! וואָס פֿאַר אַ רייד הער איך פֿון דיר

דער יונגערמאַן.

אַנדערע האָבען געזוכט ל י כ ט, איך וועל זוכען די פֿ י נ־ ס ט ע ר נ י ש — איבעראַל...

דער אַלטער (הויבט אויף די הענד, דערשראָקען).

דו ציטערסט גאָר ניט צו ריידען אַזעלכע רייד?

דער יונגערמאַן.

געשראָקען האָבען זיך די אַלטע; די יונגע וועלען ט ה ו ן...

די פֿרוי.

אין דעם רייך פֿון דער פֿינסטערניש וועסטו בעגעגענען מיין שרעקליכסטע פֿיינדין. אויב עס געלינגט דיר זי צו פֿאַנגען, איז דיין ציעל האַלב דערגרייכט.

דער יונגערמאַן.

איך וועל זי פֿאַנגען!

די פֿרוי.

פֿון אייביג אָן קומט־פֿאַר צווישען אונז אַ שווערער קאַמפּף, און אין דעם קאַמפּף איז זי כִּמְעַט שטענדיג די זיגערין.

דער יונגערמאַן.

ווי רופֿט מען זי?

די פרוי.

מען רופט זי די מוטער פון דער נאכט. אבער דאס איז ניט איהר אמת'ער נאמען.

דער יונגערמאן.

ווי זעהט זי אויס?

די פרוי.

זי זעהט אויס פונקט ווי איך, אבער נור מיט איהרע קליידער. די נאכט איז פאר מיר א טרויער, פאר איהר איז זי א געניוס. און וואס פאר א טהיר נור איך קלאפ, שטעהט זי באלד נעבען מיר, פערפיהרט מיט מיר א שרעקליכען קאמפף, און ווען עמיצער זוכט מיך, איז זי תמיד די ערשטע אריינצוגעהן און איך בלייב אין דרויסען.

דער יונגערמאן.

אבער מיינען מיינט מען דיך, מוטער?

די פרוי.

מיינען מיינט מען מיך. מיר זעהען אבער אויס ביידע גלייך און ביז יעצט האט נאך קיינעם ניט געלונגען אונז אונ-טערצושיידען. אין דעם מאמענט, ווען עמיצער וועט צורייסען איהרע קליידער, וועל איך פריי פון מיינע קעטען, פריי פון מיין טרויער. (זי הויבט זיך אויף אוועקצוגעהן) איין זאך נור מוז איך דיר נאך זאגען. דער קאמפף איז א שווערער. אויב דו פער-ליערסט, פאלסטו אריין אין איהר געוואלט און דו ביזט פער-לארען. דיין טויט איז אונפערמיידליך. (זי לאזט זיך געהן צו דער טהיר)

דער אלטער.

פאלג מיך און בלייב רוהיג. גאט דארף קיין העלפערס ניט...

דער יונגערמאַן.

מיין גרעסטער גענום איז צו שטאַרבען פֿאַר דיר, מוטער; נאָך פֿיעל גליקליכער אָבער וואָלט איך געווען דיר מיט מיין טויט נוצליך צו זיין.

די פֿרוי.

דו רעדסט ווי אַ מענש מיט מוט, מיין קינד. (זי לאָזט זיך געהן)

דער יונגערמאַן.

נאָך איין וואָרט, מוטער!... אויב עס געלינגט מיר דיין פֿיינדין צו פֿאַנגען, וואָס זאָל איך מיט איהר טהון?

די פֿרוי.

פֿערניכטען איהרע קליידער, דאָס וועט זיין איהר טויט...

דער יונגערמאַן.

אָבער וואו?

די פֿרוי.

וואו דו וועסט ווילען, אַבי אין מיין געגענוואַרט. ווי נור דו וועסט זי האָבען אין דיין געוואַלט, רוף מיך, וועל איך באַלד נעבען דיר זיין. פֿאַר קיין בייז אין דער גאַנצער צייט פֿונ׳ם קאַמפּף דאַרפֿסטו ניט מורא האָבען. וועסט געפֿינען אין דעם פֿיינדס לאַגער אַזעלכע, וואָס ווילען דיר העלפֿען מיט זייערע עצות...

(זי לויפֿט אַרויס. — עס הערשט אַ מאָמענט שטילקייט. די צוויי מענער שטעהען ווי פערשטיינערט און קוקען צו דער טהיר)

דער יונגערמאַן.

אויך דו וועסט מיר העלפֿען, אַלטער!...

דער אַלטער.

איך בין גרייט צו געהן, וואוהין דו וועסט מיך רופען. —

(מען קלאַפּט אין דער טהיר) ווער איז דאָרט? — (עס הערט זיך אַ געלעכטער)
ווער איז דאָרט?... (עס הערט זיך אַ געלעכטער, און מען קלאַפּט ווידער. —
דער אַלטער שפּריננט־אַב דערשראָקען)

דער יונגערמאַן.

ווער איז דאָרט?

אַ שטימע.

עפֿענט־אויף!...

דער יונגערמאַן.

איך עפֿען קיינמאָל ניט מיין טהיר, ווען איך ווייס ניט פֿאַר ועמען. ווער איז דאָרט?...

אַ צווייטע שטימע;

עפֿענט־אויף די טהיר!...

דער אַלטער.

זאָגט אייער נאָמען! (עס ווערט אַ געלעכטער)

דער יונגערמאַן.

זאָגט אייער נאָמען!...

אַ דריטע שטימע.

מיין נאָמען טאָר איך ניט זאָגען, ביז איך וועל נישט זעהן דיין פּנים.

אַ פֿיערטע שטימע.

איך בין ניט קיין פֿריינד, ניט קיין פֿיינד...

די ערשטע שטימע.

איך זוך דעם קעמפֿער...

די צווייטע שטימע.

איך באָד מיך אין די זילבערנע שטראַהלען פֿון דער לְבָנָה אָהנע צו ציטערן.

דער אַלטער.

האָסט ניט מורא פֿאַר קיין ליכט? (עס ווערט אַ געלעכטער)

דער יונגערמאַן.

האָסט ניט מורא פֿאַר קיין ליכט? ענטפֿער! אויב ניט, וועל איך בעשווערען...

די צווייטע שטימע.

נאַכט-ליכט שרעקט מיך קיינמאָל ניט איבער...

די דריטע שטימע.

איך האָב געהערט דיין שבועה...

די פֿיערטע שטימע.

מיין וואוינונג זענען די שטיינער פֿון דעם פעלד...

דער יונגערמאַן.

איך ווייס, ווער דו ביזט, דו וועסט אַריינגעהן דער ערשטער...
(ער עפענט־אויף די טהיר. עס בעווייזען זיך פיער יונגלעך פון דרייצעהן ביז פיערצעהן יאָהר, משונה'דיג געקליידט, זעצען זיך בּאַלד אוים אויף די קלעצלעך און ריידען מיט פרויענשטימען)

דער ערשטער.

איך בין צו דיר געשיקט געוואָרען פֿון דער מוטער פון דער נאַכט. דיין שבועה איז געהערט געוואָרען אין אַלע איהרע מדינות און האָט געמאַכט ציטערן דעם גאַנצען גיהנום.

דער צווייטער.

לילית וויינט...

דער דריטער.

גַעְמָה רייסט זיך די האָר פֿון קאָפּ.

דער פּיערטער.

אָגְרֶת און מְחִלַּת האָבען געשוואָרען טויט אַ גאַנצער שטאָדט מענשען. מַשְׁחִית האָט שוין ערהאַלטען דעם בעפֿעהל. נאָך איידער די זון וועט אויפֿגעהן, וועט מען פֿיהלען, ווי מעכטיג ער איז...

דער אַלטער.

ער וועט טהון בייז!...

(עס ווערט אַ געלעכטער)

דער יונגערמאַן (מיט שטאַרקייט).

דאָס אַלעס שרעקט מיך ווייניג איבער. זאָלען זיי מאַכען, וואָס זיי ווילען. די מוטער פֿון דער נאַכט וועט זיין אין מיין געוואַלט... (צום פּיערטען) אָבער וואָרום רעדסטו קיין וואָרט ניט? וואָרום ביזטו אַזוי שטיל?

דער פּיערטער (ציטערנדיג).

איך וויל דיך פֿרעגען, צי דו וועסט מיר ערלויבען אַוועקצוגעהן, ווען איך זועל וועלען?

דער יונגערמאַן.

די פֿראַגע האָסטו מיר געדאַרפֿט שטעלען, איידער דו ביזט אַהער אַריינגעגאַנגען.

דער פּיערטער.

דאָ אין שטוב איז פֿאַרהאַן אַ זאַך, וואָס שרעקט מיך און צומישט מיך גאָר אינגאַנצען.

דער יונגערמאַן.

וואָס שרעקט דיך דאָ? וויזו?

דער פּיערטער.

וואָס ליעגט אין יענעם זאַק?

דער יונגערמאַן.

האַ-האַ! די תפילין שרעקען דיך אַזוי שטאַרק? (אַלע פיער טרעטען צוריק דערשראָקען) שרעקט אייך ניט. איך וועל אייך דערווייל קיין בייז ניט טהון, אויב איהר פיהרט אייך נור אויף אָרענט-ליך. זאָגט מיר, וואָס איהר זענט אַהער געקומען?

דער ערשטער.

האָסט געשוואָרען צו פאַנגען די מוטער פון דער נאַכט?

דער יונגערמאַן.

יאָ, איך האָב עס געשוואָרען און וועל עס באַלד אונטער-נעהמען.

דער ערשטער.

דו האָסט געגען דיר דעם גאַנצען גיהנום...

דער יונגערמאַן.

טויזענד גיהנום׳ס שרעקען מיך אויך ניט איבער!

דער צווייטער.

אויב דו זאָגסט דיך ניט אָב פון דיין שבועה, האָט משחית געשוואָרען דיין טויט.

דער יונגערמאַן.

אויך דאָס שרעקט מיך ניט...

דער דריטער.

טרעט אַריין אין אונזער לאַגער און דו וועסט זיין דער גליקליכסטער אויף דער וועלט. יעדעס וואָרט דיינס וועט זיין פאַר אונז אַ געזעץ, וואָס קיינער וועט ניט וואַגען צו ברעכען... מיר וועלען זיין דיינע שקלאַפען און דו אונזער הערשער... וואוהין דו וועסט אונז הייסען געהן, וועלען מיר געהן; וואָס דו וועסט אונז הייסען טהון, וועלען מיר טהון. מיר וועלען צושטערען,

מיר וועלען בױען — אימער נאָך דיין פערלאַנג נאָך...

דער יונגערמאַן.

שווייג!... איך פערבאָט דיר מעהר אַזעלכע ווערטער צו ריידען!...

דער צווייטער.

דו שטױסט אַװעק דיין גליק מיט דיינע אייגענע הענד, און גרייטסט דיר צו אַ פינסטערע צוקונפט...

דער יונגערמאַן.

דאָס איז אַלעס, וואָס איהר האָט מיר געהאַט צו זאָגען?

אלע פיער.

דערווייל איז דאָס אַלעס...

דער יונגערמאַן.

יעצט זאָלען דריי פון אייך אַװעק און דער פעלד־שטיין זאָל בלייבען...

דער פיערטער.

וואָס האָסטו צו מיר? וואָרום ווילסטו מיר בייז טהון? איך האָב נאָך קיינמאָל אַזעלכע מענשען, ווי דו, קיין בייז ניט געטהון.

דער יונגערמאַן.

איך וויים, דו ביזט שטענדיג אַ פריינד פון דעם גערעכטען, און דאָרום וועל איך דיך בעהאַנדלען מיט פריינדשאַפט.

די אנדערע.

וועלכעס איז אַלזאָ דיין לעצטער ענטפער?

דער יונגערמאַן.

איך שווער דער מוטער פון דער נאַכט אַנ'אייביגען האַס!

איך וועל ניט רוהען, ביז איך וועל זי ניט האָבען אין מיין געוואַלט!

אַלע פיער.

אויב דיר געלינגט, זענען מיר פערלאָרען; אויב דו פערליערסט, וועסטו שטאַרבען!...

דער יונגערמאַן.

געהט! איך וויל דאָ מעהר אייערע קולות ניט הערען... (דריי געהען אָב, דער פיערטער בלייבט. — צו דעם פערבליבענעם) דו ביזט דער פעלד-שטיין?

דער פעלד-שטיין.

יאָ, איך בין עס. די שטיינער פון פעלד זענען מיין וואויגונג; איך האָב נאָך דעם גערעכטען קיינמאָל קיין בייז ניט געטהון. וואָרום פערהאַלטסטו מיך? דער האָן וועט באַלד קרעהען, די צייט איז קורץ, איך מוז אַוועקגעהן.

דער יונגערמאַן.

איך וועל דיך לאָזען אַוועקגעהן, נאָר מיט אַ בעדינג...

דער פעלד-שטיין.

מיט וואָס פאַר אַ בעדינג?

דער יונגערמאַן.

איך וויל פון דיר אַ שבועה...

דער פעלד-שטיין.

פון מיר אַ שבועה!... ווילסט מיך פערבינדען מיט אַ שבועה!...

דער יונגערמאַן.

יאָ. דו געהערסט צו די, וואָס האָבען נאָך קיינמאָל זייער שבועה ניט געבראָכען. איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר שווערען

אייבּיגע פֿריינדשאַפֿט; איך וויל, דו זאָלסט מיך בעגלייטען אין דעם קאַמפּף...

דער פֿעלד־שטיין (דערשראָקען).

אין דעם קאַמפּף געגען דער מוטער פֿון דער נאַכט!...

דער יונגערמאַן.

יאָ...

דער פֿעלד־שטיין.

אַרבּייטען אַליין פֿאַר מיין אייגענער צושטערונג? אויב די מוטער פֿון דער נאַכט פֿאַלט, איז מיין עקזיסטענץ געענדיגט, הער איך אויף צו זיין...

דער יונגערמאַן.

איך מוז מיך בענוצען מיט אייער אייגענער מעטאָדע; איהר צווינגט אונז אויך אונז צו צושטערען מיט אונזערע אייגענע הענד. ווען מיר אַליין וואָלטען אייך ניט געווען ביז איצט גע־האָלפֿען, וואָלט איהר אַזוי מעכטיג ניט געווען...

דער פֿעלד־שטיין.

איך קאָן דאָס ניט טהון...

דער יונגערמאַן.

דו וועסט עס מוזען טהון. אויב ניט, האַלט איך דיך דאָ ביז די זון געהט־אויף און דו ביזט מיט דיין גאַנצער כּנופֿיה פֿעלד־שטיינער פֿערלאָרען...

דער פֿעלד־שטיין.

קעמפּפֿען קאָן איך ניט. איך וועל דיך נור בעגלייטען און דיר זאָגען, וואָס דו זאָלסט טהון, אַז עס זאָל דיר קיין בייז ניט געשעהען...

דער יונגערמאַן.

-עגען דעם בין איך פֿערזיכערט; איך פֿאָדער, אַז דו

זאָלסט מיר העלפֿען זוכֿען, קעמפּפֿען און פֿאַנגען אויך, אויב מען דאַרף ...

דער פֿעלד-שטיין.

זוכֿען, קעמפּפֿען און פֿאַנגען?...

דער יונגערמאַן.

יאָ ...

דער פֿעלד-שטיין.

דאָס איז אַלעס, וואָס דו פֿאָדערסט?...

דער יונגערמאַן.

אַלעס... און אויב איך געווין, דאַן פֿערשפּרעך איך דיר דיין אומריינע נשמה צו רייניגען, צו לייטערן און דיך אַריינ-נעהמען אין דעם רייך פֿון דער ליכֿטיגקייט ...

דער פֿעלד-שטיין.

איך קאָן ניט ... (מען הערט דעם האָן קרעהען) איך בעט דיך, ערלויב מיר אַוועקצוגעהן!... איך וועל דיך דיענען אָהן שבועות.

דער יונגערמאַן.

ניין, דו מוזט שווערען צו העלפֿען מיר זוכֿען, קעמפּפֿען און פֿאַנגען ...

דער פֿעלד-שטיין.

איך קאָן ניט שווערען ...

דער יונגערמאַן.

איך וועל דיך אַנדערש ניט אַרויסלאָזען. שווער, זאָג איך דיר! (מען הערט דעם האָן קרעהען)

דער פֿעלד-שטיין.

איך בעט דיך ...

דער יונגערמאַן

שווער!... (דער האָן קרעהעט)

37 Windsor Ave., HARTFORD CONN.

דער פעלד־שטיין.

דער האָן קרעהעט... די צייט איז קורץ... איך בין אין דיין געוואַלט, — איך מוז שווערען. ביי וואָס ווילסטו, איך זאָל שווערען?

דער יונגערמאַן.

ביי אַשְׁמְדַאי און ביי די פיער מאַמעס.

דער פעלד־שטיין.

איך שווער ביי לִילִית, נַעֲמָה, אִגֶרֶת און מַחֲלַת, איך שווער ביי אַשְׁמְדַאי, אַז איך וועל דיר העלפען זוכען, קעמפפען און פאַנגען!...

דער יונגערמאַן.

גוט. יעצט שווער מיר, אַז יעדעסמאָל, וואָס איך וועל דיך רופען, זאָלסטו דיך באַלד בעוויזען אויף מיין פערלאַנג. (דער האָן קרעהעט)

דער פעלד־שטיין (ציטערנדיג).

איך בעט דיך!...

דער יונגערמאַן.

שווער!...

דער פעלד־שטיין.

איך שווער עס!...

דער יונגערמאַן.

גוט. יעצט קאָנסטו דיר געהן.

דער פעלד־שטיין.

איך דאַנק דיר. (ער געהט אָב. — דער טאָג הויבט אָן אַריינצוקוקען דורך די פענסטער, און עס ווערט באַלד גוט ליכטיג).

דער יונגערמאַן.

„דו ווענסט געפינען אין דעם פיינדס לאַגער אָזעלכע, וואָס וועלען דיר העלפען מיט זייערע עצות" — האָט זי געזאָגט. איינעם האָב איך שוין געפונען. נאָך דעם באַרג־גייסט דאַרף איך גע־ווינען אויף מיין זייט, און דער קאַמפף איז געוואונען...

דער אַלטער.

און דער קאַמפף איז אָנגעהויבען, ווילסטו זאָגען?...

דער יונגערמאַן.

געוואונען, געוואונען, זאָג איך דיר, אַלטער; דער קאַמפף איז געוואונען!...

דער אַלטער.

סיידען ס'איז שוין יעצט געקומען די ריכטיגע צייט...

דער יונגערמאַן.

נאָט בעשטימט קיין צייט ניט, אַלטער. „שובו אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם" — זאָגט גאָט... (מען קלאַפּט אין דער טהיר) דאָס איז דער אַלטער לֶמֶךְ, ער ברענגט אונז זיכער אַ ביסעל אַרבייט. (ער מאַכט־אויף די טהיר. — אַן אַלטער האָלצהעקער, די זעג־באַנק אויף איין אַקסעל, אויף דעם אַנדערען די העק, קומט אַריין)

לֶמֶךְ.

אַ גוט מאָרגען אייך, רב עֲזַרְיָה!... אַ גוט מאָרגען אייך, רב דָוִד!...

דער אַלטער.

אַ גוט מאָרגען, אַ גוט יאָהר אייך, רב למך!...

למך.

האַ?

דער יונגערמאַן (איהם שרייענדיג אין אויער אַריין).

גוט מאָרגען, זאָגט מען אייך.

למך (שטעלט אַוועק די זעג-באַנק מיט די העק און זעצט זיך).

אַזוי?... גוט מאָרגען, גוט יאָהר אייך!... — גאָט צו דאַנקען! ס'איז דאָ אַ ביסעל אַרבייט.

דער יונגערמאַן (צום אַלטען).

וואָרום ביזטו אַזוי בלאַס געוואָרען, אַלטער?

דער אַלטער (זיך אײנבויגענדיג).

איך פיהל מיך עפּיס ניט-גוט.

דער יונגערמאַן.

לעג דיך אַ ביסעלע צו, אַלטער. דער שלאָף וועט דיך דערפרישען.

למך.

אַ שרעקליכע נאַכט איז די נאַכט געווען! שוין לאַנגע יאָהרען, אַז איך האָב אַזעלכע שטאַרקע דונערען ניט געהערט. ס'האָט מיר אָנגערעגענט אַ פולע שטוב... די אַלטע איז, לא עֲלֵיכֶם, קראַנק; האָט אַ גאַנצע נאַכט געקרעכצט און געוויינט. כ'האָב קיין אויג ניט געקאָנט צוטהון... אַ שרעקליכע נאַכט! דער דונער האָט גאָר אָנגעמאַכט חורבונות. האָט איבערגעקעהרט אַ פּאָר הייזלעך אין דער שוהל-גאַס; האָט אויסגעריסען אַ מאַסע בוימער אין וואַלד...

דער יונגערמאַן.

וואָס הערט זיך עפּיס אין שטאָדט?

למך (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

אַך!... אין שטאָדט הערט זיך גאָר ניט גוט... ניין, ניט גוט...

דער יונגערמאַן.

וואָס איז געשעהען?

למך.

הערט זיך ניט גוט, ניין... פינף מענשען, ניט דאָ געדאַכט...

דער יונגערמאַן (זיך אַ וואָרף טהועגדיג).

געשטאָרבען!...

דער אַלטער (מיט אַ קול פון אַ קראַנקען, וואָס ליידט).

געשטאָרבען!... בָּרוּךְ דַּיַּן אֱמֶת!...

למך.

זענען געווען געזונד און שטאַרק, האָבען אָבגעגעסען וועטשערע, זיך געלעגט שלאָפען. חאַפען זיך אויף אין מיטען דער נאַכט, קרעמפּפען, ניט דאָ געדאַכט, פערוואָרפען די קעפּ, און אַנ'עק, אַ סוף...

דער אַלטער (זיך אייגבויגענדיג אין דרייען).

אַך — אַך — אַך!... (ער קוקט צום יונגען, וועלכער דרעהט זיך אום נערוועז איבער'ן צימער)

דער יונגערמאַן.

דו פיהלסט דיך קראַנק, אַלטער? לעג דיך אויף דיין בעט.
(ער פיהרט איהם צו צו אַ שטרוי-זאַק. דער אַלטער לעגט זיך)

למך.

אַלע פינף — טאַטעס פון קינדער... אוף! אוף! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!... טהוט זיך אין שטאָדט אַ יאָמער, אַ געוויין... די האָר שטעלען זיך קאַפּויר, ווען מען געהט דורך די גאַס.

דער אַלטער.

אַך און וועה איז מיר!...

למך.

פּיהלט איהר זיך אין כּח היינט צו אַרבייטען, רב עוריה?

דער יונגערמאַן.

דאָס האָליץ מוז היינט צוהאַקט ווערען?

למך.

היינט. לְמַעַן הַשֵּׁם, היינט!... ס'וועט זיין אַ פּאָר גילדען צו חאַפּען פאַר יעדען...

דער יונגערמאַן.

גוט, איך וועל האַקען דאָס האָליץ און איהר וועט זעגען. רב עוריה דאַרף היינט ניט אַרבייטען.

למך.

אויב איהר ווילט, בעשטעה איך... יאָ, זיי האָבען געבעטען די שפּענער אַוועקצולעגען אין אַ זייט, ס'זאָל זיין פייער צו מאַכען.

דער יונגערמאַן.

דאָס פערשטעהט זיך.

דער אַלטער (מאַכענדיג קאָנוואולסיווע בעוועגונגען).

אָך — אָך — אָך!

למך.

געהן חתונה מאַכען, פערשטעהט איהר, אַ בְּתוּלָה, דאַרף מען דאָך האָבען צו באַקען, צו קאָכען...

דער יונגערמאַן (שפּאַצירענדיג נערוועז איבער'ן צימער).

מעהר האָט איהר אין שטאָדט גאָרניט געהערט?

למך.

וועגען וואָס?

דער יונגערמאַן.

וועגען דער קראַנקהייט, מיין איך.

למך.

אַך! מען זאָגט, אַז ס'איז די גוטע קראַנקהייט...

דער אַלטער (מיט אָבגעהאַקטען אָטהעם).

די כאָלעראַ! יאָ, איך פיהל!...

למך.

אַזוי זאָגען דאָקטוירים.

דער אַלטער (זיך אויפזועצענדיג קאָנוואולסיוו).

ווערה איז מיר!... ווער ווייס... וויפיעל מענשען... עס וועלען אומקומען... טאַטעס פון קינדער...

למך.

עפים שמועסט מען אין שטאָדט, אַז מען האָט געהערט די נאַכט קלאַפּען אין די טהירען... אייניגע זאָגען, אַז אַ פרוי אין שוואַרצען איז געלאָפען דורך די גאַסען און האָט געוויינט... אַז אויף דעם בית-עלמין האָט מען געהערט קליינע קינדער אַרויסוויינען פון די קברים... גאָט ווייס, וואָס ס'וועט זיך נאָך טהון, אויף וואָס פאַר אַ צרות מען דאַרף זיך נאָך דערוואַרטען...

דער אַלטער.

רבונו של עולם!... זאָלסט האַלטען איבער אונז... דיין רעכטע האַנד!

דער יונגערמאַן.

מעהר ווי די פינף זענען ניט געשטאָרבען?

למך.

איך קאָן עס אייך ניט זאָגען אויף זיכער. איך בין דורכ-

געגאַנגען אין גאַס, האָב איך געהערט וויינען נאָך אין עטליכע הייזער. כ'האָב אָבער ניט געהאַט דאָס האַרץ אַריינצוגעהן... בין, לא עליכם, אַן'אַלטער, צובראָכענער מענש, אַ קלייניגקייט נעהמט מיר צו די כחות, און איך קאָן שוין אויף די פיס ניט געהן... זייט ניט בייז אויף מיר, רב דוד...

דער יונגערמאַן (ווי צו זיך אַליין).

„געשוואָרען טויט אַ גאַנצער שטאָדט מענשען"...

דער אַלטער.

דאָס איז משחית'עס אַרבייט... זיי האָבען קיין ליגען ניט דערצעהלט...

למך.

מען שמועסט, אַז עס זאָל אַרויסגעהן אַ בית־דין אויף דעם בית־עולם איבערצובעטען די קינדער, און אַז מען זאָל שטעלען אַ חופה.

(עס רייסט־זיך־אויף די טהיר און עטליכע מענער און פרויען לויפען אַריין מיט אַ געוויין)

אַ פרוי.

שווייגט ניט, יודען! אַ חורבן איז אין שטאָדט!...

אַן'אַנדערע.

אַ צאָרן איז אויסגעגאָסען געוואָרען אויף דער שטאָדט! טאַטעס פון קינדער פאַלען ווי די פליעגען. (צו דעם יונגענמאַן) רבי, שטעהט אונז אין די נויטען!...

אַ מאַנסביל.

אויב דאָס וועט אַזוי האַלטען אַ צוויי טעג, איז די שטאָדט פאַרביי.

אַן'אַנדער פרוי.

האָט רחמנות אויף קליינע קינדער, יונגע נשמה'לעך, — וואָס האָבען זיי געזינדיגט?... (די פרויען וויינען)

דער יונגערמאַן (נערוועז).

איך געה אין שטאָדט אַריין, אַלטער...

דער אַלטער (קאָנוואולסיוו)

דאָס וועט קאָסטען טויזענדער לעבענס... דענק גוט איבער, וואָס דו טהוסט...

דער יונגערמאַן.

שוין צו־שפּעט צו דענקען, אַלטער, שוין צו־שפּעט... דער קאַמפּף איז אָנגעהויבען; עס בלייבט ניט מעהר, ווי צו קעמפּפען...
(ער לויפט אַרויס)

דער אַלטער (מיט אָבגעהאַקטען אָטהעם און קאָנוואולסיוו).

מַשְׁחִית׳עס... אַרבייט... „געשוואָרען טויט... אַ שטאָדט מענשען”... אָך — אָך — אָך!...

איינער:

דער אַלטער איז קראַנק... זעהט, ווי שוואַרץ ער איז געוואָרען!...

אַנ׳אַנדערער.

כ׳האָב מורא, אַז ס׳האָט איהם געטראָפען...

אַ דריטער (אָנגעהמענדיג דעם אַלטען).

שטרעקט אייך אויס, רב עֲזַרְיָה, אויף דעם בעט

דער אַלטער:

איך... קאָן... ניט... ס׳ציהט... אַיין...

איינינע.

שנעל ציהט איהם אויס און רייבט איהם די גלידער מיט עסיג!... אָט אַזוי... רייבט איהם די הענד...

אײנער.

ער איז פֿערשטאַרצט...

אַ צװײטער.

ער איז קאַלט װי אײז... ער אָטהעמט ניט מעהר...

אַ דריטער.

נײן, ער בעװעגט מיט די אױגען...

דער ערשטער.

אָט מאַכט ער זײ צו... ס'איז אומזיסט אונזער מיה...

דער צװײטער.

ער איז טױט!...

דער ערשטער.

רײבט איהם פֿעסט, מיר װעלען איהם דערמונטערן!...

דער צװײטער.

אומזיסט, אומזיסט, זאָג איך אײך! ער איז טױט!...

אַלע.

טױט!... טױט!... דעקט איהם צו.

(אין דער צײט, װאָס זײ דעקען איהם צו, פֿאַלט דאָס פֿאָרהאַנג לאַנגזאָם).

צווייטער טייל.

גן־עדן העליון.

ווען דאָס פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, איז די גאַנצע סצענע איינ־געהילט אין אַ געדיכטען גרינעם נעבעל, דורך וועלכען מען קאָן קיין זאַך נישט אונטערשיידען. פון גאַנץ ווייט הערען זיך קינדער־שטימען, וועלכע זינגען אין כאָר:

יְהֵא שְׁמֵהּ רַבָּא מְבָרַךְ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא!
יִתְבָּרַךְ וְיִשְׁתַּבַּח וְיִתְפָּאַר וְיִתְרוֹמַם וְיִתְנַשֵּׂא וְיִתְהַדַּר וְיִתְעַלֶּה וְיִתְהַלָּל
שְׁמֵהּ דְּקוּדְשָׁא.

די שטימען הערען זיך וואָס אַ מאָל שוואַכער און שוואַכער און דער נעבעל ווערט אַליץ העלער. ווען די שטימען האָבען גענצליך אויפגעהערט, איז שוין דער נעבעל אינגאַנצען צוגאַנגען און מען זעהט פאָלגענדעס:

אַ גרויסער בליהענדער גאָרטען, וועלכער ציהט זיך אונגעהויער ווייט. אין דער מיט אַ רונדיגער פלאַץ, וועלכער בלישצעט ווי אַ שפּיגעל און ווארפט אַרום זיך די פערשיעדענע פאַרבען פונ'ם רעגענבויגען. אַרום און אַרום דעם פלאַץ שטעהען אויסגעשטעלט רייהען מאַרמאָרנע שטוהלען, וועלכע ציהען זיך ווייט־ווייט, ביז זיי פערליערען זיך אין דער טיעפקייט פון דעם גאָרטען. מענשען פון פערשיעדענע עלטערס, אָנגעטהון אין לאַנגע ווייסע מאַנטלען, פון אויבען טליתים, גאָלדענע, מיט בריליאַנ־טען געפּוצטע, קרוינען אויף די קעפּ, זיצען אויסגעזעצט אויף די שטוהלען, די הענד צוזאַמענגעלעגט אויף דער ברוסט, די קעפּ אויפגעהויבען, און זעהען־אויס צו ריכטען זייערע בליקען אין איין פונקט אַריין. עס איז קענטיג, אַז זיי האַלטען אין בעטראַכטען עפּיס זעהר אָנגענעהמעס, און עקסטאַזירען זיך דערביי. נעבען זיי, און אין דערזעלבער אָרדנונג, שטעהען אויסגעשטעלט אַ רייהע קינדערליך, נאַקעט ווי מלאָכים'לעך, אַ גליק־

ליכער און פֿריידליכער שמייכעל רוהט אויף זייערע פּנימ'לעך. זיי שטרעקען די הענטלעך אין דער לופֿט, גלייך ווי זיי וואָלטען וועלען עפּיס אָנהאַפּען. גרופּען מלאָכים, גרעסערע און קלענערע, שטעהען אויסגעשטעלט דאָ און דאָרט און זעהען-אויס צו שמועסען צווישען זיך. אַ הימעלבלויע ליכטיגקייט הילט איין דעם גאַנצען גאָרטען.

עס ווערט פּלוצלונג אַ שטיל געררויש, די צדיקים בעוועגען זיך אויף זייערע שטוהלען, די קינדערלעך וואַרפֿען די הענטלעך פֿאַר פֿרייד.

אַלע מַלְאָכִים (מיט עהרפֿורכט).

קָדוֹש! קָדוֹש! קָדוֹש!

גַבְרִיאֵל.

געלויבט אָ זיי אונז, גאָט פֿון די אַרמען,
עס שוועבט דיין כָּבוֹד איבער דיין געצעלט!
עס קאָן קיין שטערבליך אויג דיין פּראַכט ניט זעהען,
אָ, לעבענסקוועלע פֿון דער גאַנצער וועלט!

אַלע מלאָכים.

קָדוֹש! קָדוֹש! קָדוֹש!

מִיכָאֵל.

עס לעבט און שטרעבט דאָך אַלץ, וואָס ד'האָסט געשאַפֿען;
האָסט אײַנגעהילט דיין ווערק אין סודות פֿיעל;
און ס'האָט ביז היינט קיין ערדען-קינד געטראָפֿען,
וואָס ס'איז געווען דערמיט דיין מיין, דיין ציעל.

אַלע מלאָכים.

קָדוֹש! קָדוֹש! קָדוֹש!

רְפָאֵל.

עס גיסען דיינע זונען גאָלד'נע שטראַהלען,
דערקוויקען, היילען אַלץ, וואָס דענקט און פֿיהלט;

עס פליסען ריעזענ־ימים, טייכען, קוואלען
און שפיגלען אייביג אב דיין געטליך בילד!

אלע מלאכים.

קדוש! קדוש! קדוש!

אוריאל.

א האנד פול מאכט האט אבגעלאזט די שטערען,
וואס צינדען אן דעם רוים אין זייער גאנג!
זיי וועלען אייביג אין די הימעל־ספערען,
פאר דיר, א שעפפער, זינגען לויב־געזאנג!

אלע מלאכים (צוזאמען זינגען).

געלויבט, א, זיי אונז, גאט פון די ארמען!
עס שוועבט דיין כבוד איבער דיין געצעלט:
עס קאן קיין שטערבליך אויג דיין פראכט ניט זעהען,
א לעבענס־קוועלע פון דער גאנצער וועלט!

(עס בעווייזט זיך דער אלטער למד־ואו'ניק, אנגעטהון אין תכריכים. ער מאכט א פאר לאנגזאמע טריט, בלייבט שטעהן דערשראקען און קוקט זיך ארום פון אלע זייטען)

עטליכע מלאכים (איהם פערשטעלענדיג דעם וועג).

ווי וואגסטו, שטערבליכער, אויף גאטעס בארג צו געהן?!
ווי וואגסטו, ערדענ־קינד, זיין גלאנץ און פראכט צו זעהן?!

ער אלטער.

וואָרום, א הימעל־קינדער, זאלט איהר עס ניט וויסען?
איך האב געלעבט און בין דער גאטהייט טריי געוועז,
ביז ס'האט דער בייזער גייסט מיין לעבענס־קעט צוריסען—
מיך פאר דער צייט גענייט צום הימעל אויפצוגעהן.

מיכאל.

ער האט זיין הארצען נישט פערקויפט;

ער האָט געלעבט פון פאַלשקייט ווייט
און איז געבליבען תָּמִיד ריין —
אַפילו אין דער אומריינקייט!

(מען מאַכט דעם אַלטען פריי דעם וועג, און בשעת אייניגע מלאָכים טהוען איהם אָן אַ ווייסען מאַנטעל מיט אַ קרוין און זעצען איהם צווישען די צדיקים אויף אַ בעזונדערער שטוהל, זינגען די מְלִיצֵי־יוֹשֶׁר)

מְלִיצֵי־יוֹשֶׁר.

זיין האַרץ איז לויטער ווי קרישטאָל,
זיין האַנד איז ריין פון עהרליך בלוט;
פערדיענסטען האָט ער אָהן אַ צאָהל:
לאָזט רוהען איהם וואו קְדוּשָׁה רוהט!

(עס ווערט פלוצים טונקעל. די שכינה אין שוואַרצען שלייער ערשיינט. די מלאָכים פערשטעלען זייערע פנים'ער.

די פרוי (אויף די קניע).

הימלישער פאָטער! פערבאָרג ניט דיין געזיכט פון מיר, ווען עס איז מיר ענג!

אַ שטימע פון אויבען.

אין אַ צייט, וואָס אַ געדיכטע פינסטערניש הילט־איין די גאַנצע ערד, אין אַ צייט, וואָס דאָס פערדאָרבענע מענשענקינד טרענקט זיך אין דעם בלוט פון זיינע אייגענע פערברעכענס, וואָס קומסטו דאָ טהון, מיין טאָכטער?

די פרוי.

איך בעט פאַר מיינע אונגליקליכע קינדער!

די שטימע.

אַ שרעקליכע שבועה האָט אַוועקגעריבט דאָס הימלישע ליכט פון דיינע אויגען; ביזטו שוין פון דיין שְׁבוּעָה פריי?

די פרוי.

איך בעט דיין פאָטערליכען גענאָד!

די שטימע.

שוין טויזענדער יאָהרען, אַז דו וואַנדערסט אַרום דורך דער פינסטערער נאַכט, שוין טויזענדער יאָהרען, אַז דו וואַשט מיט דיינע הייסע מוטערליכע טרערען דעם גלות־פלעק, וואָס דיינע קינדער טראָגען אויף זייער פּנים. האָט שוין דורך דער צייט דיין שוואַרצער שלייער אויף איין מאָמענט אויסגעטריקענט פון דיינע טרערען? זענען דיינע קעטען וועניגער שווער ווי פריהער? די נאַכט איז שוין באַלד אַריבער, און דו ביזט נאָך אַלץ אַזוי נידריג געפאַלען, ווי אין די ערשטע טעג... דיינע קינדער זעהען־ צו דיין פיין מיט דער ווילדסטער קאַלטבלוטיגקייט, זיי האָבען נאָך איין טריט ניט געמאַכט דיך אויפצוהויבען, און דו בעטסט פאַר זיי?

די פרוי.

איך בעט דיין געטליכע הילף!

די שטימע.

דאָס בלוט פון זייערע קָרְבָּנוֹת איז נאָך אויף איין מאָמענט ניט אַנטשוויגען געוואָרען, עס קאָכט און זידט וואָס אַ טאָג אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער; דאָס וויינען און קרעכצען פון די אונטערדריקטע הילכט אָב אין אַלע מיינע הימלען. וואָס פאַר אַ זכות קאָן אויף זיי מֵגִן זיין?

די פרוי.

דו ביזט זייער פאָטער און זיי זענען דיינע קינדער!

די שטימע.

אַ פאָטער, וועלכען די קינדער פערלאָזען...

די פרוי.

די מוטער פון דער נאַכט האָט אַלע קעטען פון ליעבע צוריסען...

די שטימע.

די מוטער פון דער נאַכט איז ניט אונשטערבליך, און די ביזט אונשטערבליך.

די פרוי.

זי איז פריי, און איך בין אין קעטען געשמידט.

די שטימע.

דיינע קעטען האָבען דיינע קינדער אַליין אויף דיר אַרויפגעלעגט און זיי אַליין קאָנען זיי פון דיר אַראָבנעהמען.

די פרוי.

די נויט האָט זיי שוואַך געמאַכט...

די שטימע.

די נויט האָבען זיי אַליין בעשאַפען... זיי טרענקען זיך אין אַ ים פון ליידען, און אָנשטאָט אויפצוהויבען זייערע אויגען צום הימעל, פרעסען זיי זיך אויף איינער דעם אַנדערען און האָפען זיך אַזוי-אַרום צו רעטען...

די פרוי.

זייערע שרעקליכע ליידען האָבען זייער מוח פערקרימט, זייער בעוואוסטזיניגקייט דערשטיקט, און יעדע פעראַנטוואָרטליכקייט פון זיי אַראָבגענומען...

די שטימע.

איך האָב אין זיי אַריינגעבלאָזען אַ פונק פון מיין געטליכען ליכט; איך האָב זיי אויפגעהויבען העכער פון אַלע אַנדערע טילען פון דער שעפפונג, איך האָב זיי געגעבען די מעגליכקייט צו דענקען, צו פיהלען, צו פערשטעהן, אונטערצושיידען דאָס גוטע פון דעם שלעכטען, זיך אויפצוהויבען ביז צו מיר...

די פרוי.

די געדיכטע פינסטערניש, וואָס מיין געגנעריז האָט

אויף אַלעם פֿערשפּרייט, האָט דאָס שוואַכֿע ליכֿטעלע דער־שטיקט...

די שטימע.

געטליך ליכֿט ווערט קיינמאָל ניט דערשטיקט...

די פֿרױ.

ווען ס'איז אָבער גאַנץ שוואַך, פֿערליערט זיך עס אין אַ געדיכֿטער פֿינסטערניש...

די שטימע.

איך האָב זיי געגעבען אַ פֿרייהייט צו קעמפּפֿען...

די פֿרױ.

און זיי קעמפּפֿען טאָג־טעגליך...

די שטימע.

זיי קעמפּפֿען פֿאַר דער פֿינסטערניש...

די פֿרױ.

און מיינען, אַז זיי קעמפּפֿען פֿאַר דיין געטליכֿען ליכֿט... זיי בלאָנדזען אַרום, ווי די שאָף אָהן אַ פּאַסטוך, אין דעם שווע־רען און קרומען וועג פֿון דעם לעבען, שטעלען זיך יעדען מאָ־מענט אָב, טאַפּען דעם וועג, ווי די בלינדע, און בעצאָהלען בלוטיגע צינזען פֿאַר יעדען טריט, וואָס זיי מאַכֿען. הימלישער פֿאָטער! צאָהלרייך זענען די מִזְבְּחוֹת, אויף וועלכֿע דיינע קינדער האָבען קָרְבָּנוֹת געבראַכֿט; יעדער מִזְבֵּחַ איז אָבער אַנ'אייביגער דענקמאָל פֿון זייערע ליידען; זיי צאָהלען דער פֿינסטערניש אַלע־מאָל בלוטיגע קרבנות, זיי צאָהלען זיי אָבער מיט טרערען אין די אויגען... זי האָט זייער פֿרייהייט צושטערט, זייער ווילען איז געלעהמט אונטער דעם שווערען יאָך, וואָס זי האָט אויף זייער נאַקען אַרויפֿגעלעגט. זייערע קרעפֿטען האָבען זיך שוין לאַנג אויסגעלאָזט, זייער פֿערצווייפֿלונג וואַקסט וואָס אַ טאָג גרעסער און גרעסער. ביי פֿיעלע האָט זי שוין יעדען פֿונק פֿון האָפֿנונג

דערשטיקט, און אויב דו אײַלסט ניט זיי צו העלפֿען, וועט קומען אַ שרעקליכֿע צייט ...

די שטימע.

קיין שרעקליכֿערע צייט קאָן שוין ניט זיין ...

די פֿרוי.

פֿיעלע האָבען שוין מיט זייערע אייגענע הענד צוריסען די קעטען, וואָס האָבען זיי צו דעם לעבען צוגעבונדען !...

די שטימע.

און צו מיר האָבען זיי זיך אַלץ ניט אומגעקעהרט...

די פֿרוי.

זיי האָבען פֿערלאָרען דעם וועג, וואָס פֿיהרט צו דיין הייליגקייט.

די שטימע.

זאָלען זיי איהם זוכֿען !...

די פֿרוי.

זיי וועלען איהם אָהן דיין הילף קיינמאָל ניט געפֿינען ...

די שטימע.

זאָלען זיי איהם זוכֿען מיט עקשנות, און אויב זיי שטרעבען אַלע מיט איין האַרץ, מיט איין נשמה איהם צו געפֿינען, ביזטו פֿריי פֿון דיין שבועה, פֿריי פֿון דיינע קעטען, און דיינע קינדער זענען געראַטעט... דערווייל געה צוריק אַרונטער אויף דער ערד, וואַנדער, וואַנדער דורך דער פֿינסטערער נאַכֿט, וואַש דיינע קינדער אין דיינע טרערען, וואַש זיי אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלען ווערען ריין ...

די פֿרוי (מיט אַ שרעקליך געוויין).

און דערווייל זאָלען מיינע קינדער ליידען?... און דערווייל

זאָלען מיינע קינדער טרינקען די ביטערניש בעכערוויין?... אָ, פאָטער!... פאָטער!...

די שטימע.

אויך איך בין מיט זיי אין דער נויט...

(עס ווערט אַנ'אויפרעגונג צווישען די מלאָכים. די פרוי געהט אַוועק וויינענדיג)

די מלאָכים.

וועה! די שכינה איז אין גלות!... וועה! די שכינה איז אין גלות!...

(דאָס פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

ALLIANCE
LIBRARY
Ave., HARTFORD, CONN.

אומוואַנדלונג.

דאָס טעאַטער שטעלט פאָר אַ בית־הקברות. אַ גרויסע צאָהל מצבות, שענע און אײַנפאַכערע, שטעהען אויסגעשטעלט אין גוטער אָרדנונג. דאָ און דאָרט זעהען זיך גרויסע דעמבאָווע בוימער, וועלכע זענען שוין כמעט נאַקעט. הויפענס פערוועלקטע בלעטער ליעגען אָנגעוואָרפען און האַלב־צוטראָטען אויף דער ערד, וועלכע איז נאַס און גליענציג—קענטיג, אַז עס איז נור־וואָס נאָך אַ רעגען. פון צייט צו צייט הערט מען נאָך דונערן און מען זעהט, ווי עס בליצט. אין הינטערגרונד, רעכטס—אַ קליין, כמעט אײַנגעפאַלען, הייזעלע מיט אַ שטרויענעם דאַך, וואו עס וואוינט דער קברות־יוד. לינקס, אַנטקעגען דעם הייזעלע—דאָס אוהל. צווישען זיי בײדע אַ גרויסער ברייטער טויער מיט צוויי טהירען האַלב־אָפען. ס'איז בײנאַכט. ביים קברות־יוד אין הייזעל לייכט זיך און עס הערט זיך אַ קינד וויינען.

אַ כשופ'טע—אַלטע אײַנגעבויגענע פרוי, מיט ווייסע צושויבערטע האָר, מאָגער און צוקנייטשט געזיכט, בלינד אויף אײַן אויג, געהט אָנגעשפאַרט אויף אַ שטעקען און פיהרט ביי אַ שטריקעל אַ שוואַרצע קאַץ.

כּשופ'טע (אָהן צייהן און פון צייט צו צייט הוסטענדיג).

עפּים ציהסטו מיך מיט צו־פיעל קראַפט צו יענעם קבֶר.
ווילסט גאָר ניט אָבטרעטען!... וואַרט, וואַרט אַ ביסעל... (הוסט)
וואַרט, זאָג איך דיר... (חאַפּט אַ קוק צום קברות־יוד'ס הייזעל) **ס'לייכט**
זיך נאָך דאָרט... אויב ער האַלט אין בעטען, איז מיין מיה אומזיסט, (הוסט.— געהט לאַנגזאַם צו צום פענסטער און קוקט אַריין) **שלאָפט...**
און זי אויך... הערען אַפילו ניט דאָס קינד וויינען... חי־חי־חי!...
איצט קאָן איך געהן זעהן, וואָס דו האָסט מיך גערופען...
(הוסט, — געהט־צו צו אַן'אונגעצוימטען קבר) **חאַ־חאַ! דאָ ליעגט דאָך אַ**

געהאַנגענער... דיין געוועזענער בַּעל־הבית. חי־חי־חי!... אויב עס געלינגט מיר צו קריגען זיין לינקע האַנד, אָדער האַטש דעם גראָבען פינגער, בין איך אַ געהאָלפענע. (הוסט. — אַ צווייטע בשופ׳טע, אַ יונגע, מיט געלע האָר, מיאוס׳ע קרומע נאָז, בייזע אויגען, אַיינגעהילט אין אַ רויטען שאַל, בעוויזט זיך פון צווישען די בוימער)

צווייטע בשופ׳טע.

די נאַכט איז נאָך אַלץ צו־רוהיג, מיין שוועסטער. די לופט איז צו־וואַרים. עס וואָלט נויטיג געווען אַ ביסעל רעגען און שטורם...

ערשטע בשופ׳טע (מיט אונצופרידען)

וועמעס טאָג איז איצט?

די צווייטע.

דער טאָג איז גאָרניט, די נאַכט אַליין איז גרוים...

די ערשטע.

און וועמעס איז די נאַכט?

די צווייטע.

די נאַכט איז אין שטאָדט ניט דעמס, וואָס אין וואַלד...

די ערשטע.

דו ביזט אַ שוועסטער...

די צווייטע.

עס לעבע לילית!...

די ערשטע.

עס לעבע לילית!...

די צווייטע.

וואס טהוסטו דא, מיין שוועסטער?

די ערשטע.

דאסזעלבע, וואס דו קומסט דא טהון.

די צווייטע.

דו ביזט אבער געקומען פאר מיר: דאס ארט איז פערנומען.

די ערשטע.

וואס זאל איך דיר טהון? האסטו ניט געוואלט שלאפען אזוי שפעט.

די צווייטע.

משחית האט מיך געהאלטען צו־לאנג ביי זיך... שענק מיר חאטש דעם מינדסטען פינגער, אויב דו נעהמסט די גאנצע האנד...

די ערשטע.

און וואס וועסטו מיר שענקען דערפאר?

די צווייטע.

טרעף...

די ערשטע.

די צונג פון א ממזר, וואס די מוטער האט דערווארגען מיט איהרע אייגענע הענד אין א נאכט פון ערדציטערניש?...

די צווייטע.

עפים בעסערם...

די ערשטע.

דעם שטריק פון א געהאנגענעם פאטער־מערדער?...

די צווייטע.

נאָך עפּים בעסערס...

די ערשטע.

זאָג מיר דו אַליין; איך קאָן עס ניט טרעפען...

די צווייטע.

די נאָז פון אַ קאַטױלישען גלח אין אינקוויזיציאָנס-צייט...

די ערשטע.

טאַקי!...

די צווייטע.

זי זעהט נאָך גענוג שען אויס; איך ווייס אַנ'אָרט, וואו מען קאָן פון זיי געפינען אָהן אַ צאָהל...

די ערשטע.

אָבגעמאַכט! העלף מיר גראָבען.

די צווייטע.

איך האָב פערגעסען מיטצוברענגען מיין שוואַרצע קאַץ.

די ערשטע.

פּרוב דאָ ערגיץ אַ זוך טהון איינע.

די צווייטע.

איך ווייס ניט צי איך וועל געפינען. די מוטער פון דער נאַכט טאַנצט היינט ביינאַכט אויף אַלע דעכער מיט איהר סוויטע...

די ערשטע;

ביזט גערעכט, מיין שוועסטער, היינט איז דיענסטאָג. זי האָט אַלע קעץ אריינגענומען אין איהר סוויטע אַריין. וואַרט,

װאָרט, איך װעל דאָ אַליין גראָבען. (זי גראָבעלט מיט די נעגעל אויף דעם קבר)

די צװײטע.

מַשְׁחִית מאַכט היינט אַנ׳איבערקעהרעניש אין שטאָדט. צו־ליעב איין מענשען וויל ער די גאַנצע שטאָדט חָרֵב מאַכען.

די ערשטע.

צוליעב דעם לַמֶד־וָאו׳ניק?

די צװײטע.

איך גלויב, אַז דאָס איז גאָר ניט שֵׂכֶל׳דיג. די מענשען זענען קיינמאָל ניט אַזוי פֿרום ווי אין אַ נויט.

די ערשטע.

דער קאַמפּף וועט זיין זעהר אַ שרעקליכער און אַ שווערער.

די צװײטע.

ווער, דענקסטו, זאָל געווינען?

די ערשטע.

דאָס איז שווער פֿאָרצוזעהן. דער לַמֶד־וָאו׳ניק האָט מיט וואָס צו קעמפּפען; ער איז געװנג שעדליך... דו זעהסט? די האַנד איז שוין אין דרויסען. גיב מיר דיין מעסער...

די צװײטע.

נאַ, אָבער בעהאַלט עס פֿון דעם ליכט...

די ערשטע.

זאָרג ניט, איך וויים ווי אַזוי מיך דערמיט צו בענוצען... אָט האָב איך זי איינגאַנצען... קום, ס׳איז צייט צו געהן...

די צווייטע.

עפּים איז די לופֿט אַרום מיר קאַלט געוואָרען... די האָר שטעלען מיך אין קאָפּ,—דאָ מוז עמיצער קומען.

די ערשטע.

דאָס איז לילית מיט איהרע קינדער. איך זעה, ווי זי רייסט אָב די לעצטע בלעטלעך פֿון די בוימער.

(לילית און אַ גאַנצע באַנדע שֵׁדִים בעווייזען זיך אַלע מיט איין מאָל, גלייך ווי זיי וואָלטען פֿון דער ערד אַרויסוואַקסען)

לִילִית.

ער מוז שטאַרבען! אויב ניט, זענען מיר אַלע פֿער־לאָרען... אונזער עקזיסטענץ איז זיכער נור דאַן, ווען איך, די מוטער פֿון דער נאַכט, וועל הערשען מיט אַ פֿאָלקאָמער פֿרייהייט. ווער איך געפֿאַנגען, דאַן עפֿענען זיך אַלע אויגען אויף, די זיסע פֿינסטערניש צוגעהט זיך ווי אַ ביסעל רויך אונטער דעם בלאָזען פֿון אַ מעכטיגען שטורמווינד, די פֿערשאָלטענע זון געהט־אויף און וועט אונז מיט איהרע שטראַהלען בלינד מאַכען... פֿערשאָלטענע ליכטיגקייט!... שוין טויזענדער יאָהרען, אַז מיר פֿיהרען מיט איהר אַ שרעקליכען קאַמפּף, און עס איז איהר דאָך געלונגען די צייט אויף צווייען צו צורייסען... אַ נאַכט און אַ טאָג, אַ ווינטער און אַ זומער... און זי איז מיט דעם נאָך ניט צופֿריעדען; זי געהט וואָס אַ מאָל ווייטער און ווייטער; זי וויל ביי אונז אַלעס אַוועקנעהמען. די פֿינסטערניש איז עלטער פֿאַר דער ליכטיגקייט — צו איהר, נור צו איהר אַליין מוז די הערשאַפֿט געהערען! רייסט, ברעכט, צושטערט, פֿערניכטעט, שפּאָרט קיין זאַך ניט!

אַלע (טאַנצען ווילד אַרום איהר).

עס לעבע די פֿינסטערניש!... עס לעבע די פֿינסטערניש!...

שַׁבְרִירִי.

צוויי זאַכען זענען נויטיג, אום די הערשאַפֿט זאָל בלייבען

אונזערע: דער טאָג זאָל פערשווינדען, אָדער די מענ־שען זאָלען בלינד זיין. דערווייל זענעןביידע מיטלען אין אונזערע הענד; נאָר אויב אפילו עס געלינגט דעם שוואַכען מענשעל זיין שבועה צו ערפילען, אויב עס געלינגט איהם די מוטער פון דער נאַכט צו בעקומען אין זיין געוואַלט, דאַרפען מיר נאָך אַלץ ניט פערצווייפלען. איך מיט מיינע קינדער וועלען רוהען אָהן אויפהער אויף אַלע ימים, טייכען און קוואַלען. אי־בעראַל, וואו ער וועט קומען זיין דורשט שטילען, וועט ער מוזען מיט דעם ליכט פון זיינע אויגען בעצאָהלען, אָדער שטאַר־בען פון דורשט...

אֵיינער פון די לויכטענדע גייסטער.

ער איז געגען דעם בעוואָרענט, מיין פאָטער. דער קוואַל, פון וועלכען ער טרינקט, איז אַרומגערינגעלט מיט אַייזען פון אַלע זייטען. אומזיסט האָבען מיר דאָרט גערוהט שטונדענלאַנג. יעדעס מאָל, וואָס ער קומט טרינקען, יאָגט אַנ׳אונבעקאַנטע קראַפט אונז אַוועק. אָפטמאָל פלאָגט אונז די קראַפט אַזוי פיעל אָן, אַז מיר געהען אַוועק אָבגעמאַטערט און אָבגעשוואַכט...

עטליכע.

ער בעקעמפפט אַלע אונזערע קרעפטען!...

צְרְדָא.

איך האָב מעהר ווי עטליכע טעג גערוהט אין זיין צימער. איך האָב מיך בעהאַלטען אונטער דעם זאַק, אויף וועלכען ער שלאָפט, אַ גאַנצע נאַכט געלעגען ביי איהם אויף דעם קאָפ, גע־טריעבען זיין בלוט מיט אַ געוואַלטיגער קראַפט, געדריקט זיינע שלייפען. עס האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפען: ער איז אויפגע־שטאַנען אויף מאָרגען פונקט אַזוי געזונד און פריש ווי אַלע־מאָל. אַנדערע ווערען משוגע פון קאָפּוועהטאָג, ווי נור איך ריהר זיי אָן, ער איז אַייזען־שטאַרק...

לִילִית.

און דו, קְצָרוֹת, האָסטו געפרובט עפּיס צו טהון? וו־

קאָנסטו בלייבען רוהיג, ווען דאָס געפֿאַהר איז אַזוי גרויס?

קְצָרוֹת.

גנעדיגע מוטער, מיין קונסט איז אויך געבליבען פּרוכט־לאָז. איך האָב מיר אַלע מיהען געגעבען זיינע געדאַנקען צו צו־מישען; איך האָב אָבגעוואַרט דעם מאָמענט, ווען ער איז גע־שמאַק געשלאָפֿען, און דאַן, ווען זיין זוילען איז געווען פֿאָלקאָ־מען שוואַך, האָב איך אָנגעהויבען שפּינען און וועבען פֿאַר זיינע אויגען אַ גאַנצע מַחֲנֶה קאָשמאַרען פֿון די ווילדעסטע, וואָס איך קען נור. איך האָב איהם געפֿיהרט דורך בערג און דורך טהאָלען, דורך פֿייער און וואַסער, איהם געשליידערט פֿון הימעל צו דער ערד, איהם געמאַכט פֿליהען דורך דער לופֿט, איהם אַרומגערינגעלט מיט שלאַנגען, עקדישען, מיט שרעקליכע ווילדע חַיוֹת; איך האָב איהם געוויזען זיין טויטען פֿאָטער, וועלכען איך האָב פֿון קֶבֶר אַרויסגעשלעפּט מיט די תַּכְרִיכִים; איך האָב געקוילעט פֿאַר זיינע אויגען זיין אַלטע מוטער, וועלכע ער ליעבט זעהר שטאַרק; זיינע ברידער און שוועסטער אין די גרעסטע געפֿאַהרען געשטעלט; — דאָס האָט גאָר ניט געהאָלפֿען. ער האָט זיך אויפֿגעחאַפּט, זיך אַרומגעקוקט אין צימער, געמורמעלט עטליכע אונפֿערשטענדליכע ווערטער, און צוריק איינגעשלאָפֿען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען. און פֿון דעם מאָמענט אָן האָבען זיך אַלע מיינע כּחוֹת אָבגעשוואַכט, עפּיס אַ געהיימע קראַפֿט האָט מיך פֿון דעם בעט אָבגעשטויסען...

לִילִית.

זאָל צווישען אַלע אונזערע קרעפֿטען זיך ניט געפֿינען איינע, וואָס זאָל איהם קאָנען בעזיעגען?... דאַן איז אַנ'עק, אַ סוֹף צו אונזער הערשאַפֿט.... מיר ווילען אונז אַלע דאַרפֿען איינס דאָס אַנדערע צושטערען, אַבי ניט אַריינצופֿאַלען אין זיינע הענד! ...

אַלע.

מיר ווילען קעמפֿפֿען ביז אין לעצטען מאָמענט, זאָל די גאַנצע וועלט חָרֵב ווערען!... מיר ווילען אונז ניט אונטערגעבען!...

לילית (פערצווייפעלט).

גייסטער פון בענקעניש, פיעבער און קאנוואולסיע, גייסטער פון קרעץ, קרופ און ליעבעס־וואהנזין, גייסטער פון עפילעפסיע, ווייט׳ס־טאנץ! וואס שוויינט איהר? וואס רינגעלט איהר איהם ניט ארום פון אלע זייטען? קעמפפט, צושטערט דאס שעדליכע מענשענקינד, פלאגט איהם אהן אויפהער, מאכט איהם אונפעהיג זיין קריעג פארטצוזעצען; אויב ניט — זענען מיר אלע פערלארען! ...

גייסט פון בענקעניש.

איך בין געגען איהם אהנמעכטיג. ער פיהרט א זונדערבאר לעבען, וואוינט פערוואָרפען הינטער דער שטאדט, האט מיט קיינעם קיינע פערבינדונגען, איז אבגעריסען פון פאטער, מוטער, פריינד און בעקאנטע; ער פערמאכט זיינע אויגען פאר אלעס, וואס קאן איהם בעאיינדרוקען און רויבען אויף א מאמענט פון דעם שרעקליכען געדאנק, וואס בעשעפטיגט איהם.

גייסט פון פיעבער.

זיין קערפער איז געגען היץ און קעלט געוואלטיג געהארטעוועט, מוטער; ער טראגט זיי איבער מיט דער גרעסטער גלייכגילטיגקייט.

גייסט פון ליעבעס־וואהנזין.

זיין אויג האט קיינמאל אויף קיין פרוי ניט געקוקט, מוטער. איך בין מעכטיג נור פאר לעבע־קינדער...

גייסט פון קרעץ.

דארט, וואו מיין ברודער, דער גייסט פון ליעבעס־וואהנזין, קאן גארניט טהון, בין איך אהנמעכטיג, מוטער...

לילית.

ער איז אלזא געגען אלעס בעווארענט?!...

פֿלע.

מיר זענען פֿערלאָרען !... מיר זענען פֿערלאָרען !...

די אַלטע כּשופ'טע.

גנעדיגע מוטער, ערלויב מיר אויך צו זאָגען עטליכע ווערטער.

די גייסטער.

דאָס איז אַ מענשענקינד !... זי וועט אונז פֿערראַטען !.. זי וועט אונז פֿערראַטען !...

לילית.

ווער ביזטו ?

די כּשופ'טע.

די ערגעבענסטע דיענסט פֿון אַשמדאי און לילית... (זי פּער נייגט זיך) איך האָב דעם כּח און דאָס רעכט מיך צו בענוצען מיט וואָס פֿאַר אַ גייסט נור איך וויל...

לילית.

רעד, מיין טאָכטער...

די כּשופ'טע.

אויב דו זוכסט אַ מיטעל צו צושטערען דאָס מענשענקינד פֿרעג קיינמאָל ניט קיין עֵצות ביי די גייסטער, נור ביי דעם מענשענקינד אַליין. דאָס, וואָס איין פֿעררעטער קאָן געגען זיינע ברידער, וועלען טויזענדער שׂונאים ניט קאָנען... דער לַמֶד־וָאו'ניק איז געגען אַלע קערפּערליכע צרות בעוואָרענט. דאָס אירדישע לעבען איז פֿאַר איהם ניט מעהר ווי אַ דורכגאַנגס־פּעריאָדע, דערפֿאַר קאָנען איהם קיינע קערפּערליכע ליידען ניט איבערשרעקען. יעדער טריט, וואָס ער מאַכט צו דעם קֶבֶר, איז פֿאַר איהם אַ זיעג: ער האָפֿט אויף אַן'אונענדליכער גליקזעליגקייט...

לילית.

און וואָס פֿאַר אַנ׳עצה קאָנסטו אונז געבען, מיין טאָכטער?

די כּשופ׳טע.

געגען אַלע גייסטער קאָן זיך דער מענש בעוואָרענען, חוץ געגען צוויי: „צווייפֿעל״ און „טעות״. אַזוי לאַנג ווי די מוטער פֿון דער נאַכט וועט לעבען, וועט דער מענש אימער מוזען געהן אין דער פֿינסטער און טאַפּען, ווי אַ בלינדער, דעם וועג פֿאַר זיינע פֿיס. אויב איהר האָט אַלזאָ ניט צווישען אייך אַליין קיין פֿעררעטער איהם דעם וועג צו ווייזען, איז דאָ פֿיעל צו וועטען, אַז ער וועט דעם קאַמפּף קיינמאָל ניט געווינען...

לילית.

קענסטו אפשר צווישען אונז אַ פֿעררעטער? רעד, מיין טאָכטער.

די כּשופ׳טע.

איך קען קיין פֿעררעטער דערוייל ניט. נאָר איך ציטער זעהר, אַז דער באַרג-גייסט זאָל אייך ניט פֿערראַטען. ער איז אימער דער פֿריינד פֿון דעם גערעכטען מענשען... דער למד־וָאו׳ניק וועט זיכער בעטען זיין הילף.

אַלע.

ער וועט אַרבייטען פֿאַר זיין אייגענער צושטערונג?...

די כּשופ׳טע.

ווער עס אַכטעט די הייליגקייט, דעם קאָן די הייליגקייט בעפֿעהלען.

לילית.

וואָס זאָל מען אַלזאָ מהון, דאָס אויסצומיידען, מיין טאָכטער?

די כשופ׳טע.

ער וועט זיבער קומען מיט איהם פריינדשאפט שליעסען. זאל מען דעם בארג-גייסט ערוויטערן און איינער פון אייך זאל פערנעהמען זיין ארט, נאכמאכען זיינע בעוועגונגען און זיין שפראך...

לילית.

מיט איהם פריינדשאפט שליעסען?

די כשופ׳טע.

מיט איהם שליעסען פריינדשאפט און איהם פערפיהרען אין דעם רייך פון דער פינסטערניש. דארט וועל איך אייך שוין זאגען, וואס מען זאל טהון...

אלע.

עס לעבע אונזער שוועסטער!..

לילית.

אויב דיין פלאן געלינגט, דאן קריגסטו אונטער דיין מאכט הונדערט טויזענד גייסטער, מיין מאכטער, און דעם טיטעל „פרינצעסין פון דער פינסטערניש"...

די כשופ׳טע.

לעבען זאל טעות און צווייפעל!..

אלע.

לעבען זאל טעות און צווייפעל!.. (זיי טאנצען א ווילדען טאנץ ארום דער כשופ׳טע)

לילית.

גייסט פון קאשמארען! בלייב דא און שפיעל אויסגע-צייכענט גוט די ראלע פון דעם בארג-גייסט. אויב עס געלינגט דיר צו ווארפען אויף דעם למד-ואו׳ניק א שווערען שלאף, וואלט דאס בעסטע געווען. און איהר אלע געהט, בינדט דעם בארג-

גייסט אין קעטען און ברענגט איהם פּאַר אַשמדאי'ס טראָהן...

(אַלע ערוויטערען זיך, נאָר דער גייסט פון קאַשמאַרען בלייבט און בעהאַלט זיך. — עס דערהערט זיך פון איבעראַל אַ מיאַוקען פון קעץ)

דער קבֿרות־יוד (אין איין האַנד אַ שטעקען און אין דער צווייטער אַ לאַטערנע, זעהט־אויס פערשלאָפען).

חאַפּט זיי דער שוואַרץ יאָהר! זיי לאָזען מיר דאָס קינד ניט איינשלאָפען... (מיט דעם שטעקען אין דער לופט אַריין) אַפּשיק!... אַפּשיק!... (די קעץ מיאַוקען אַלץ) אַפּשיק!... אַפּשיק!... מ'האָט פון זיי קיין רוה ניט אַ גאַנצע נאַכט... לאָזען מיר דאָס קינד ניט איינשלאָפען... חאַפּט זיי דער שוואַרץ יאָהר!... (די קעץ ווערען פלוצים אנטשוויגען) קוים אַ מאָל!... (ער געהניצט, רייבט די אויגען, זעצט זיך אַוועק אויף אַ מצבה, די לאַטערנע אויף דער ערד געבען זיך, און זעהט־אויס צו חאַפּען אַ דרימעל)

דער לַמֶד־וָאו'ניק (די האָר צושויבערט, אָבגעריסענע קליידער, בלייבט שטעהן אין טויער פונ'ם בית־עולם און קוקט זיך אַרום, בעמערקענדיג דעם קבֿרות־יוד שלאָפען).

וויפיעל מאָל האָב איך אייך שוין געזאָגט, אַז אויף מַצֵבות שלאָפט מען ניט?! וואָרום געדענקט איהר דאָס ניט? וואָרום?...

דער קבֿרות־יוד (מיט אַ מינע פון אַ שולדיגען).

זייט מיר מוחל, רֶב דָוִד, זייט מיר מוחל, איך בעט אייך. איך בין געוועזען אַ ביסעל פערשלאָפען... מען רוהט ניט דורך די נעכט... איך בין אַזוי פערטראָגען, אַז איך וויים אַפילו ניט, וואָס איך זאָל אייך איצט זאָגען, צו גוט מאָרגען, צו גוטען אָוועגד...

דער לַמד־וָאו'ניק.

דער אָוועגד איז ניט קיין גוטער, און דער מאָרגען וועט נאָך שרעקליכער זיין...

דער קבֿרות־יוד.

האָט זיך שוין עפּיס ווידער געטראָפען אין שטאָדט רב דוד?

דער למד-וואָ'ניק.

עס זענען שוין דערווייל דאָרט פֿאַרהאַן דריי פֿרישע קרבנות...

דער קברות-יוד.

עלטערע מענשען?

דער למד-וואָ'ניק.

אַ כּלה און צוויי יונגעלייט...

דער קברות-יוד.

דערפֿאַר האָט מיין קינד ניט געקאָנט איינשלאָפֿען די נאַכט! איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז געווען, ווייל די קעץ האָבען דאָ שרעקליך געמיאַוקעט...

דער למד-וואָ'ניק.

די שוואַרצע קאַץ?

דער קברות-יוד.

שוואַרצע און ווייסע, דוכט זיך מיר.

דער למד-וואָ'ניק.

די ווייסע איז אויך געווען?...

דער קברות-יוד.

עס זענען געווען מעהרערע שוואַרצע און אַ ווייסע.

דער למד-וואָ'ניק.

די שוואַרצע וואָלט מען בעדאַרפֿט מקרב זיין... דאָס איז דער מכשפֿה'טעס קאַץ... פֿאַר דער ווייסער איז זיך נישטאָ וואָס צו שרעקען...

דער קברות-יוד.

דאַרף מען, הייסט עס, גראָבען דריי פֿרישע קברים?

דער למד־וואו'ניק.

דריי פרישע קברים...

דער קברות־יוד.

ס'איז שוין באלד נישטא וואו...

דער למד־וואו'ניק.

וואס טהוען די קינדער דא?... (ער ווייזט אויף א קבר)

דער קברות־יוד.

די קינדער וויינען נאך אלץ... אט דא ליעגען זיי...

דער למד־וואו'ניק.

זיי זענען גאר ניט געצוימט?

דער קברות־יוד.

ניין...

דער למד־וואו'ניק (געהט־צו און לענט־צו דעם אויער צום קבר)

וויינען... יא... קלאגען זיך... מען מוז די מכשפה'טע ארויסיאגען פון שטאדט; עס וועט גארניט העלפען...

דער קברות־יוד.

אדרבה, טהוט עפים, רב דוד... זיי שמועסען צו שטעלען די צייטענס א חופה אויף דעם בית־עלמין.

דער למד־וואו'ניק.

עס וועט פריהער זיין א שווארצע חופה... האט מען שוין די שמות פון די בתי־מדרשים מקבר געווען?

דער קברות־יוד.

נאך ניט...

דער לַמד=װאָו'ניק.

אַנ'עֲוֹלה... זײ טהוען גאָרניט, און דאָס חֲלַאַת װאַקסט װאָס אַ טאָג גרעסער און גרעסער... מען װעט מוזען די מכַשֵׁפָה'טע אַרױסיאָגען; אָלָא ניט, װעט זיך טהוּן שרעקליכֿעס...
(ער געהט אָב צװישען די מצבות)

(דרײ יודישע גרעבער קומען אַרײן דורך דעם טױער, מיט גראָב־אײזענס אויף די אַקסלען)

אײנער (צום קברות־יוד).

װאו װעט מען גראָבען? מען דאַרף גוטע ערטער...

דער צװײטער.

מען האָט געהײסען גראָבען נעבען אַלטען רָב...

דער דריטער.

לאָ'מיר אונז צו־אײלען, מ'איז זײ שוין דאָרט מְטַהֵר...

אַ חֶבְרָה־שַמָש (קומט אַרײן אַ פּערסאָפּעטער).

איהר גראָבט שוין?...

אַלע דרײ.

נאָך ניט...

דער שַמָש.

גוט, דער רָב האָט בעפֿױהלען צו גראָבען נעבען די קינדער.

דער קְבָרוֹת־יוד.

אָט דאָ איז נאָך פֿאַרהאַן געװגע אָרט. (ער געהט אָב)

דער שמש.

אָבער אײלט אײך. מען װעט באַלד אָנקומען. עס װעט זײן אַ פְּחִיתוּת־הַכָּבוֹד זײ צו לאָזען צופֿיעל װאַרטען. זאָל מען זײ

זואָס גיכער אָבגעגעבען וויער׳ס. (די גרעבער שטעלען זיך גראָבען. — דער שמש געהט אָב)

ערשטער גרעבער.

די ערד איז דורכגעווייקט פון דעם רעגען; עס גראָבט זיך ניט-שלעכט.

צווייטער גרעבער.

דאָס לייכטסטע איז צו גראָבען אַ קֶבֶר, ניט אֶמֶת?

דריטער גרעבער.

אַ קֶבֶר פאַר יענעם, אָבער ניט פאַר זיך...

דער צווייטער.

נאַריש גערעדט...

דער ערשטער.

ס׳איז שוין לאַנג אַזאַ חֲלַאַת ניט געווען אויף דער וועלט.

דער דריטער.

מענשען פאַלען ווי די פליעגען.

דער ערשטער.

דאָקטוירים זאָגען, אַז ס׳איז דער שטאָדט׳ס שולד. מען לעבט ניט, ווי מען דאַרף.

דער צווייטער.

נאַריש גערעדט. דאָס איז דערפאַר, וואָס דאָס יאָהר ענדיגט זיך מיט אַ „ח״: „ח״ מאַכט חֲלַאַת... און דערפאַר איז אַ חלאַת אויף דער וועלט.

דער ערשטער.

דער למד-וָאו׳ניק זאָגט, אַז דאָס איז דער כשופ׳טעם שולד. זי האָט צופיעל צו טהון מיט די „ניט-גוטע״.

דער דריטער.

אַ חידוש וואָס מען זעהט איהם ניט דאָ, דעם למד־וואו'ניק. געוועהנטליך בלאָנדזעט ער דאָך ביינאַכט דאָ שטענדיג אַרום צווישען די קברים...

אַ שטימע פֿון ווייטען (זינגט).

ס'בליצט און דונערט... ס'רוישט דער דרויסען...
ווינטען שטורמען... — שווייגט, אַ ווינטען!
שווייגט!... די יונגפֿרוי טרוימט:
אויף די קניע שטעהט איהר געליעבטער,
איהר פֿאַרגעטערער, און זינגט איהר —
און די יונגפֿרוי ליעבט...
קושט אַ ליעבעס־שטראַהל דאָס בוימעל —
ווערען בלימעלעך געבאָרען,
און די יונגפֿרוי האָפֿט...
ווערען הימלען גרוי־פֿערוואָלקענט —
וועלקען בלומען, פֿאַלען בלעטער,
און די יונגפֿרוי וויינט...

דער ערשטער גרעבער (דערשראָקען).

ווער רעדט עס דאָרט?...

דער צווייטער.

דאָס איז דער משוגע'נער פּאָעט. ער קומט לעגען בלומען אַלע ביינאַכט אויף דעם קבר פֿון זיין כּלה, וועלכע איז געשטאָרבען ניט־לאַנג...

דער דריטער.

וואָס הייסט עס אַ פּאָעט?...

דער צווייטער.

פֿרעג מיך גרינגערע זאַכען. אַזוי רופֿט מען איהם.

משוגע׳נער פּאָעט... מען זאָגט, אַז ער האָט געלערענט אין פּעטערבורג.

דער ערשטער.

אַ פּאָעט — דאָס איז אַ שטערענקוקער. ער ווייס, וואָס עס טהוט זיך אויף דעם הימעל און אויף דער ערד... ער קוקט דיר אַריין אין די אויגען אַריין, קאָן ער דיר זאָגען, וואָס מיט דיר וועט זיין אין צעהן יאָהר אַרום...

דער דריטער.

דאָס הייסט, אַז ער איז אַ קאָרטענוואַרפער? זיי מוזען דאָס לערנען ביי די ציגיינער...

די שטימע פון וויטען (מיט בעגייסטערונג).

און דער ווינט בלאָזט און פּייפט שויערליך דורך די פּעלדער; די בלעטער פּאַלען אַראָב און קיין בלומען איז ניט צו געפינען, ניט אויף דעם הימעל, ניט אויף דער ערד...

דער צווייטער.

איהר פערשטעהט, וואָס ער זאָגט?

דער ערשטער.

דו הערסט דאָך: ער רעדט פון דעם הימעל און פון דער ערד... (זיי גראָבען ווייטער)

די שטימע פון וויטען.

גליקליך איז דער מענש, וואָס קאָן בויגען זיין רוקען און בלייבען שטענדיג גלייך. דער בוים שטעלט זיך געגען, ווערט ער אויסגעריסען מיט די וואָרצלען, מיט אַלעמען, און די מענשען מאַכען פון איהם אַ פייער, און וואַרימען זיך, ווען עס איז זייער קאַלט...

דער ערשטער.

מיין קבר איז שוין אויסגעגראָבען.

דער צווייטער.

מיינער אויך.

דער דריטער.

איהר האָט געענדיגט פריהער פאַר מיר. מיינער וועט אויך באַלד פערטיג זיין.

די שטימע (קומט וואָס אַ מאָל נעהענטער).

עס פאַלען די שטערען אין דער פינסטערער נאַכט. וואָלקאַנען ברעכען אויס און די ערד ציטערט... קומט דער טיגער און טרינקט אויס נאָך אַ ביסעל בלוט. און די מענשען רוהען, און די פויגעלעך זינגען און די בלומען בליהען און פערשפרייטען אין דער לופט קוויקענדיגע פאַרפומען...

דער ערשטער גרעבער.

אָט איז ער, דער משוגע׳נער. ער קומט אַהער.

דער דריטער.

ער טהוט ניט קיין בייז?

דער צווייטער.

ניין, ער איז זעהר רוהיג.

(עס בעוויזט זיך אַ יונגערמאַן מיט לאַנגע שוואַרצע האָר, אָנגעטהאָן אין אַן אָבגעריבענער פעלערינע, אַ שוואַרצען וויטבען הוט מיט אַ ברייטען ראַנד, טראָגט אין איין האַנד פאַפּיערען, אין דער אַנדערער — אַ פּאַק דאַרע אַראָבגעפאַלענע בלעטער. הינטער׳ן אויער—אַ בלייפעדער)

דער יונגערמאַן (בעמערקענדיג די גרעבער).

ווי קומען נימפען אויף דעם הימעל אַרויף? זייער וואוינונג איז דאָך דער וואַלד, די בערג, די טייכען און די פאָנטאַנען?...

דער דריטער גרעבער.

וואָס זאָגט ער?

דער ערשטער גרעבער.

ער רעדט תמיד פון דעם הימעל...

דער יונגערמאַן (קלאַפּט אויף אַ מצבה).

זאָגט נור!... קאָן מען דאָ ניט קריגען עפּיס צו עסען?

דער ערשטער גרעבער (לאַכענדיג).

עה! יונגערמאַן! דאָ איז קיין אַכסניה ניט. דאָ עסט מען ניט...

דער יונגערמאַן.

דו ביזט אַ ליגנער... דאָ עסט מען מעהר ווי איבעראַל.

דער דריטער גרעבער.

ער מיינט די ווערים. האַ-האַ! ער איז גאָר ניט אַזוי משוגע, ווי מען מיינט.

דער יונגערמאַן.

פריהער זענען די מענשען ווערים, און דערנאָך ווערען די ווערים מענשען... זאָג, וואָרום זינדיגט דער מענש?

דער ערשטער גרעבער.

איך ווייס? ווייל ער וויל.

דער יונגערמאַן.

דו ביזט אַ ליגנער... זאָג דעם אמת...

דער ערשטער גרעבער.

איך ווייס ניט...

דער יונגערמאַן.

ווייל ער איז הונגעריג... — און וואָרום איז ער הונגעריג?...

דער ערשטער.

איך ווייס? ער איז הונגעריג, ווייל ער וויל עסען...

דער יונגערמאַן.

דו זאָגסט ליגען. ווייל מען וויל, אַז ער זאָל עסען...

דער ערשטער.

ווער וויל?...

דער יונגערמאַן.

דער טיגער...

די צוויי אַנדערע.

ווער? ווער?...

דער יונגערמאַן.

דער טיגער...

אַלע דריי.

חאַ-חאַ-חאַ!

דער ערשטער.

און וואָרום וויל דער טיגער, אַז מען זאָל עסען?

דער יונגערמאַן.

ווייל עסען, דאָס איז לעבען. ווען איין זאַך זאָל אויפהערען עסען די צווייטע, וואָלט די וועלט חָרֵב געוואָרען...

די גרעבער.

חאַ-חאַ-חאַ!

דער ערשטער.

צו וואָס טויגען דיר די דאַרע בלעטער?

דער יונגערמאַן.

די בלעטער האָבען ניט געוואָלט עסען, דערפאַר זענען זיי

אראבגעפאלען. וואס גיט איהר מיר, אז איך זאל אייך דער־
צעהלען א מעשה?

די גרעבער.

וואס זאלען מיר דיר געבען?

דער יונגערמאן.

עפּיס צו עסען.

א גרעבער.

קיין עסען האבען מיר דא ניט.

דער יונגערמאן.

נו, וועל איך אייך אזוי דערצעהלען.

די גרעבער.

וואס וועסטו דערצעהלען?

דער יונגערמאן.

א מעשה פון א טיגער...

די גרעבער (לאכענדיג).

דערצעהל... דערצעהל...

דער יונגערמאן (מיט א ניגון).

אמאל איז געווען א טיגער מיט גרויסע פייערדיגע אויגען און מיט לאנגע שארפע ציינער. און דער טיגער האט ליעב גע־האט זיך צו באדען אין בלוט און טרינקען פלעגט ער, אין זיין דורשט, נור בלוט מיט טרערען געמישט. פלעגט ער הערען זיפצען, קרעכצען, האבען זיינע אויגען אנגעהויבען שמייכלען, זיינע פיס זיך צו בעוועגען, און ער האט געטאנצט ווי אונטער די הארמאנישע טענער פון הארפענ־מוזיק... דער טיגער האט אבער צופיעל דורשט געהאט און צו טרינקען ניט גענוג... איז ער געווארען שעפּפער. געשאפט האט ער צו צושטערען און די

צושטערונג איז זיין פערגעניגען געווען... ער האָט אַ בלאָז געטהון מיט זיינע נאָזלעכער, האָבען די פויגעלעך אויפגעהערט זינגען און זענען זיך געלאָפען בעהאַלטען... דער דונער האָט געקראַכט, די בליצען זענען געלאָפען איינס נאָך דאָס אַנדערע, אַ שטורמווינד האָט אָנגעהויבען בלאָזען פון אַלע פיער זייטען פון דער וועלט. און דער הימעל איז פינסטער געוואָרען. פינסטער איז געוואָרען דער הימעל און פינסטער איז געוואָרען יעדען אויף דעם האַרצען. די זון איז געוואָרען בלייך און קראַנק, איהרע שטראַהלען קאַלט ווי אַייז. דאַן זענען די בלעטער פון די בוימער געל געוואָרען און אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד. בלומען האָבען געוועלקט, הערצער האָבען זיך געבראָכען, מוטערס האָבען געוויינט, בלוט איז געריגען שטרוימענווייז און געבילדעט אַ גרויסען רויטען טייך. און דער טיגער איז זיך דאָרט געשוואומען פרעהליך און מונטער, און זיין געלעכטער האָט אָבגעקלונגען אין דער לופט...

אַ שטימע (פון אויסען דעם בית-הקברות)

צְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת!... צְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת!...

שטימען פון יונגע קינדער (אין כאָר).

צֶדֶק לְפָנָיו יְהַלֵּךְ... (די שטימען קומען אַלץ נעהענטער)

אַ גרעבער.

מען ברענגט זיי...

אַ צווייטער.

איז אַלץ שוין פערטיג?

דער יונגערמאַן.

יאָ, אַלעס איז פערטיג. דער טיגער האָט אויפגעמאַכט דאָס מויל פון דער ערד און זי וועט אונז באַלד אַלע איינשלינגען...

דער ערשטער גרעבער.

וואָס פּלעׂ׳עט דאָס דער משוגע׳נער? יאָגט איהם אַוועק!

דער יונגערמאַן.

פון דאַנען יאָגט מען קיינעם ניט אַוועק. דאָ זענען מיר אַלע גלייכע מיוחסים.

דער צווייטער גרעבער.

גנה, גנה דיר געזונטערהייד.

דער יונגערמאַן.

דו דאַרפסט מיך ניט טרייבען, איך וועל אַליין אויך אַוועקגעהן. איך מוז נאָך ביי איהר אויף דעם קבר היינט בלומען לעגען... (ער לאָזט זיך געהן.—מיט אַ ניגון) אוז עס דונערט, און עס בליצט, און די פויגעלעך ענטלויפען. און די יונגפרוי טרוימט. איהר געליעבטער ליעגט פאַר איהרע פיס און זינגט צו איהר שירה... קינדערלעך ווערען געבאָרען, קינדערלעך ווערען פער־לאָרען, — און די וועלט וויינט... (ער שטעלט זיך אָב ביי אַ קבר, קוקט אַ מאָמענט פערוואונדערט, און ווענדעט זיך צו די גרעבער) הע! הע! זאָגט נור! גראָבט אַיערע קברים אַ ביסעל טיעפער, ווייל די טויטע קריכען אַרויס... אָט דאָ איז שוין איינער באַלד אין דרויסען. ער זעהט־אויס צו האָבען אַמאָל געווען אין דער מלחמה, ווייל ער האָט פערלאָרען אַ האַנד...

ערשטער גרעבער.

וואָס רעדט ער דאָרט, דער משוגע׳נער?

דער צווייטער.

ער זאָגט, אַז דער טויטער קריכט אַרויס פון דעם קבר.

דער דריטער.

קומט, לאָ׳מיר זעהן, וואָס דאָרט איז. (זיי לויפען צו)

דער ערשטער.

בנאמנות, ער איז גערעכט; דער קבר איז אויפגעגראָבען!...

דער דריטער.

דער טויטער זיצט, מען האָט איהם אָבגעשניטען אַ האַנד.

דער צווייטער.

דאָס מוז זיין דער כשופ׳טעס אַרבייט...

דער ערשטער.

זעה, זיינע אויגען זענען אָפֿען!...

(אין טויער פון דעם בית-הקברות בעווייזען זיך אַ מענגע קינדער, שרייענ-דיג: „צדק לפניו יהלך!”.. באַלד נאָך זיי בעווייזען זיך דריי מֵתות, געטראָגען יעדערע פון פיער חברה-לייט, בעגלייט מיט אַ מאַסע מענשען; מענער און פרויען. די חברה-לייט שטעלען אָב די מתות אין אֹהֶל, און מעהרערע מענשען רינגלען זיי אַרום)

אַ מאַנסביל.

משֶׁה׳לע! איך בעט דיך מחילה!... טאָמער האָב איך דיך מְרַגֵז געווען ביי דיין לעבען, זאָלסטו מיר מוחל זיין...

אַ פֿרוי.

חַנה׳לע, איך בעט דיך מחילה!... זאָלסט זיין אַ גוטע מליצה פֿאַר מיר, פֿאַר מיין מאַן, פֿאַר מיינע קינדערלעך און פֿאַר אַלע אונזערע גוטע פֿריינד!...

אַ מאַנסביל.

זאָלסט זיך דאָרט מיהען פֿאַר אַלע דיינע פֿריינד!... איך בעט דיך מחילה!...

(די חברה-לייט הויבען צוריק אויף די מתות און דרעהען זיך מיט זיי אַרום)

אַ חַזָן (אויפ׳ן קול).

יוֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל שַׁדַי יִתְלוֹנָן. אֹמַר לַד׳ מַחְסִי וּמְצוּדָתִי, אֱלֹהַי אֶבְטַח בּוֹ... (אַלע זאָגען נאָך, און די פרויען וויינען)

אַ חֶברה-מאַן.

וואו איז דער מְכַסֶה? מען דאַרף שטעלען די חופה...

אַ צווייטער.

אַט איז ער. (ווי צוגעהמען דעם מכסה און האַלטען איהם אין דער הויך, ווי אַ חופּה)

אײנער.

טראָגט אַרונטער די כַּלה!... וואו איז דער חָתָן?... ליכט!... צינדט־אָן ליכט!...

אַן׳אַנדערער.

זַלמן!... זלמן!... וואו איז ער ערגיץ?... (אַ יונגערמאַן געהט־אַרונטער אונטער דער חופּה)

אַ שַׁמָשׁ.

בָּרוּך הַבָּא!... פיהרט אַרונטער די כלה!... (מען טראָגט אַרונטער די כלה, און מען דרעהט זיך מיט איהר אַרום אַרום דעם חתן מיט ליכט אין די הענד)

אַ צווייטער.

מַזל טוֹב!... מזל טוב!... זאָל הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ העלפען, אַז עס זאָל שוין זיין בִּלַע הַמָוֶת לָנֶצַח וּמָחָה ד׳ דִמְעָה מֵעַל כָּל פָּנִים, אָמֵן!
(אַלע ענטפערען „אָמֵן!" און מען לאָזט די מתים אַראָב אין די קברים)

אַ פרוי.

ועה! וועה!.. הַלְוַאי וואָלט איך בעסער געווען געשטאָר־בען, אײדער איהר אַזאַ חופּה צו שטעלען!... אַזאַ יונג בּוימעלע, אַזאַ יונג צווייגעלע, זי איז מיר אָבגעבראָכען געוואָרען פאַר דער צייט!...

אַן׳אַנדערע.

ניין, ניין ... איך וועל לאַנג אָהן דיר ניט זיין!... ווי אַזוי זאָל איך לעבען? ווי אַזוי קאָן מען לעבען, ווען מען פערליערט אַזאַ יונגען בּוים?...

אַ דריטע:

מען האָט מיר מיין חבר אַוועקגעריסען!... מיין טייערען, האַרצעדיגען חבר!... מען האָט מיר מיין קרוין פון דעם קאָפּ

אַראָבגענומען !... מיין זון איז מיר פֿערלאָשען געוואָרען אין מיטען העלען טאָג !...

אַ מאַנסביל .

געגוג געוויינט, חיה. האָט מוט. בעט גאָט, אַז מיר זאָלען שוין דערמיט אָבקומען. אַ שרעקליכער צאָרן איז אויסגעגאָסען אויף דער שטאָדט. דאָס חלאַת מאַכט־אָן איבערקעהרענישען...

אַ פֿרוי ;

אַייער מאַן איז געווען אַ צדיק. הלואי, רבונו של עולם, זאָל מען מיר נאָכזאָגען דעם גוטען שבח, וואָס מען זאָגט איהם נאָך...

אַ מאַנסביל .

אַ ראיה האָט איהר: קהל איז אין אַ נויט, האָט גאָט איהם אויסגעקליבען מכפּר צו זיין אויף אונזערע זינד.

אַ פֿרוי .

זאָל גאָט געבען, עס זאָל שוין מיט איהם די ערד פֿער־שלאָסען ווערען, רבונו של עולם !... (אַלע אָב)

דער למד־וואָניק (בעוויזט זיך פֿון צווישען די קברים).

עס פֿאַלען קרבנות אויף קרבנות און איך האָב נאָך דער־וויל ביז יעצט גאָרניט אויפֿגעטהון... דער גיהנום איז תמיד גרייט צום קאַמפּף. ער האָט קיינמאָל זיך קיין פֿאָרווירפֿע ניט צו מאַכען. ער דאַרף פֿאַר קיין חרטה ניט מורא האָבען. יעדער קרבן, וואָס ער מאַכט ביי די מענשען, סיי מיט נוצען, סיי אָהן נוצען, איז פֿאַר איהם אַ נצחון... די טוגענד אָבער פֿיהלט זיך אימער געפֿאַנגען... די פֿאָרזיכטיגקייט שערט איהר אונטער איהרע פֿליגעל, לעגט אַרויף בלייענע וואָגען אויף איהרע פֿיס, פֿערפֿריערט איינ־גאַנצען איהר מוט, שטעלט אָב אַלע איהרע בעוועגונגען און מאַכט זי אונפֿעהיג צום קאַמפּף... אַך! דער שאָטען פֿון דעם פֿערברעך מאַכט פֿיעל מעהר איבערקעהרעניש אין דער נשמה פֿון דעם אונשולדיגען, ווי דאָס פֿערברעך אַליין אין דער נשמה

פון דעם פערברעכער... (ער געהט־צו צו די פרישע קברים) דריי פרישע קברים... און ווער ווייס, וויפיעל עס וועט נאך זיין... עס קאן אבער אנדערש ניט זיין: גליק אדער אונגליק — ביידע מוזען זיך פריהער אין מענשענבלוט טובל זיין איידער זיי נעהמען־אן א בעשטימטען כאראקטער... (מען הערט די הענער קרעהען) די הענער קרעהען. יעצט איז דער גינסטיגער מאמענט זיך מיט דעם בארג־גייסט צו בעגעגענען... (ער מורמעלט עפיס שטילערהייד. — אויפ'ן קול) בארג־גייסט! טראץ דער געדיכטער פינסטערניש, וואס רינגעלט דיך ארום, לעבט ביי דיר א געהיימע אכטונג, א נאטירליכע ליעבע פאר דער גערעכטיגקייט. אויב דיין נאטור איז אימער דיזעלבע, בעשווער איך דיך אין נאמען פון דער הייליגקייט זיך צו בעוויי־זען אט דא צווישען די קברים!...

דער גייסט (בעהאלטען).

די ביזט ניט מיין הער און איך בין ניט דיין שקלאף...

דער למד־וואו'ניק.

דער, ביי וועלכען די הייליגקייט איז טייער, דעם קאן די הייליגקייט בעפעהלען!...

דער גייסט (בעהאלטען).

מיין נאפעל איז צוגעוואקסען צו דער ערד, פון וועלכער איך ערנעהר מיך. איך קאן מיך פון איהר ניט אבנייסען אהנע צו שטארבען...

דער למד־וואו'ניק.

פונדעסטוועגען רייסטו דיך ציטענווייז פון איהר אב, צו ערשיינען פאר אשמדאי'ס טראהן...

דער גייסט (בעהאלטען).

אויף א שבועה, אז עס וועט מיר קיין בייז ניט געשעהען...

דער למד-וואו'ניק.

עס וועט דיר מיט מיר אויך קיין בייז נים געשעהען. איך זוך דיין פריינדשאפט.

דער גייסט (בעהאלטען).

שווער מיר ביי דער הייליגקייט, אז עס וועט מיר קיין בייז נים געשעהען.

דער למד-וואו'ניק.

איך שווער דיר!...

(עס בעמערקט זיך א פלאם און דער קאשמארענגייסט, אין געשטאלט פונ'ם בארג-גייסט, בעוויזט זיך)

דער גייסט.

קינד פון דער הייליגקייט, וואס פערלאנגסטו פון מיר?

דער למד-וואו'ניק.

איך פערלאנג דיין פריינדשאפט.

דער גייסט.

דיין אונטערנעהמונג איז א שווערע...

דער למד-וואו'ניק.

און דערפאר פערלאנג איך דיין הילף...

דער גייסט.

דיר העלפען פאנגען די מוטער פון דער נאכט? איך וועל האבען דעם גאנצען גיהנום געגען מיר...

דער למד-וואו'ניק.

און די גאנצע הייליגקייט מיט דיר... מיר האבען אונז אין דער גאנצער צייט פונ'ם קאמפף פאר קיין זאך נים צו שרעקען.

דער גייסט.

פון וואנען ווייסטו דאס?

דער למד־וואו'ניק.

די שכינה אליין האט עס מיר פערזיכערט.

דער גייסט.

די שכינה!... אה!... די שכינה... דאס ווארט מאכט מיך ציטערן...

דער למד־וואו'ניק.

דער גאנצער גיהנום ציטערט פאר דעם ווארט...

דער גייסט.

א שרעקליכע שבועה פערבאט מיר געגען גיהנום צו קעמפפען

דער למד־וואו'ניק.

איך וועל דיך דערצו צווינגען...

דער גייסט.

דו האסט א טעות. דיין מאכט איז ניט גענוג דערצו... אלעס, וואס איך קאן פאר דיר טהון, איז דיך פיהרען אין דעם גיהנום אריין, און דיך היטען, אז עס זאל דיר קיין ביי ניט געשעהען.

דער למד־וואו'ניק.

וואו געפינט זיך די מוטער פון דער נאכט?

דער גייסט.

צווישען די מענשען...

דער למד־וואו'ניק.

ניט אין גיהנום?

דער גייסט.

אין גיהנום נור ציימענווייז...

דער למד־וואו׳ניק.

קאָן מען זי זעהן?

דער גייסט.

קיין מענשענאויג זעהט זי קיינמאָל נים אין איהר אמת׳ער געשטאַלט. דו קאָנסט זי אָבער צווינגען זיך צו ווייזען אין איהר אמת׳ער געשטאַלט, ווי נור דו דערקענסט זי.

דער למד־וואו׳ניק.

ווי אַזוי זי צו דערקענען אין גיהנום, ווייס איך. איך פערלאַנג נור, אַז דו זאָלסט מיך אַהינצו פיהרען דענסטמאָל, ווען די מוטער פון דער נאַכט וועט זיך דאָרט געפינען.

דער גייסט.

דערצו בין איך גרייט אפילו באַלד.

דער למד־וואו׳ניק.

געפינט זי זיך איצט אין גיהנום?

דער גייסט.

איצט נאָך נים. נאָר ביז מיר וועלען אַהינצו אָנקומען, וועלען מיר זי שוין דאָרטען טרעפען.

דער למד־וואו׳ניק.

אויב אַזוי, וועלען מיר באַלד אַהינצו געהן.

דער גייסט.

עס זאָל זיין, ווי דו פערלאַנגסט... (ווי געהען אָב)

(פאָרהאַנג)

דריטער טייל.

אַנ׳אונגעהויער גרויסע פינסטערע אונטערערדישע העהל.—רעכטס און לינקס אין די ווענד, און כמעט ביי דעם באָדען, האַלב-רונדיגע שוואַרצע לעכער, וואָס דיענען אַלס טהירען.—אין הינטערגרונד—אַ גרויסער קייל־עכדיגער פייער־פלאַץ, וועלכער ברענט און הויבט אַלעמאָל אויף אין דער הויך גרויסע פלאַמען. רעכטס און לינקס פון דעם פייער־פלאַץ—זעקס שטוהלען געבויט פון מענשען־סקעלעטען, שטעהען אויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ האַלבער לבנה. ערטערווייז בעמערקט מען פערשיעדענע צוואַנגס־אינסטרומענטען, וועלכע דערמאָהנען די אינקוויזיציע, ווי צום ביישפיעל: דאָס בעוואוסטע „ראָד“, אַ גיליאָטינע, אַ תליה, אַנ׳עשאַפאָט, העק, שווערדען, מעסערס און נאָך אַנדערע. די אַלע וואַנען זענען אַרומגערינגעלט מיט פערשיעדענע שטיקער סקעלעט: הענד, פיס, שאַרבענס א. אַז. וו.—אויף די ווענט בעמערקט מען רייהען דורכזיכטיגע מענשען־שאָטענס מיט זעהר ליידענדע פנים׳ער, וועלכע רוקען זיך לאַנגזאַם איינער הינטער דעם צווייטען און פערליערען זיך צווישען די פלאַמען פון דעם פייער־פלאַץ. אַ מאַסע שוואַרצע שדים און שדות, מיט ברענענדיגע פאַקעלען אין די הענד, לויפען הין־און־הער דורך די לעכער. עס איז אַ געטומעל, אַ געפילדער, אַ גערויש—טויב־צו־ווערען. פון צייט צו צייט ווערט דאָסדאָזיגע גערויש אָבגעריסען דורך איינציגע מענשען־שטימען, וועלכע קרעכצען פערצווייפעלט.

אַ גרופּע שדים און שדות (זינגענדיג):

האָט מוט, איהר קינדער פון דער נאַכט,
לעגט, לעגט אויף אַלץ אַ לייבענקראַנץ!
זינגט, זינגט פון אַשמדאי די מאַכט
און טאַנצט דערביי אַ ווילדען טאַנץ! (זיי טאַנצען)

א מענשענשטימע (מיט ביטערניש).

פֿערשאָלטען האָט געזאָלט ווערען דער טאָג, אין וועלכען
איך בין געבאָרען געוואָרען!...

א צווייטע שטימע.

מיינע אויגען זענען געווען בלינד... כ׳האָב ביי מיין
לעבען די הייליגקייט ניט געקענט!...

די שדים און שדות (זינגענדיג)

אָ, מאַכט פֿון אַלעם אַש און שטויב
און לאָזט דערביי קיין זאַך ניט גאַנץ!
זינגט, זינגט דעם אַשְׁמְדַאי אַ לויב
און טאַנצט דערביי אַ ווילדען טאַנץ! (זיי טאַנצען)

א מענשענשטימע.

האָט רחמנות!... האָט רחמנות!...

א צווייטע.

איהר האָט דאָך מיך אַליין פֿערפֿיהרט, וואָרום פּלאָגט
איהר מיך אַצינד?!..

די שדים און שדות (זינגענדיג).

אָ, טהוט, וואָס אַשְׁמְדַאי׳ן געפֿעלט!
צושטערט, צושטערט דעם לעבענסגלאַנץ!
מאַכט חֶרֶב, אויב מען דאַרף, די וועלט
און טאַנצט דערביי אַ ווילדען טאַנץ! (זיי טאַנצען)

א מענשענשטימע.

האָט רחמנות!.. פּלאָגט ניט אַזוי שטאַרק!...

א צווייטע שטימע.

פֿערשאָלטען האָט געזאָלט ווערען דער שוים, וואָס האָט
מיך אויף דער וועלט געבראַכט!...

א דריטע שטימע.

פערדאַרט האָט געזאָלט ווערען די ברוסט, וואָס האָט מיך אויסגעזויגען און מיך ביים לעבען דערהאַלטען!...

א פיערטע שטימע.

אוי!... אוי!... אוי!...

א פינפטע שטימע;

גאָט איז גערעכט און זיין מִשְׁפָּט איז גערעכט!...

די שדים און שדות (זינגענדיג).

צורייסט אויף טויזענד שטיק די וועלט,
פערפיהרט, פערפיהרט דאָס מענשענקינד!
און אויב יְהֹוָה בענשט — דאַן שעלט
און מאַכט דעם מענשענס אויגען בלינד!...
(ווי טאַנצען און זינגען)
האָט מוט, איהר קינדער פון דער נאַכט,
לעגט, לעגט אויף אַלץ א לייבענקראַנץ!
זינגט, זינגט פון אַשְׁמְדַאי די מאַכט
און טאַנצט דערביי א ווילדען טאַנץ!...
(לִילִית, נַעֲמָה און מָחֲלַת בעוויזען זיך פון צווישען די פלאַמען. דאָס גערויש ווערט שטילער)

לילית.

פון אַלע עלעמענטען, וואָס זענען אונז געבליבען טריי, איז דאָס פייער אונז דער טרייעסטער פון אַלע. מיט איהם אַליין וואָלטען מיר געקאָנט די גאַנצע וועלט חָרֵב מאַכען, ווען דאָס וואָלט נויטיג געווען... קיין עלעמענט אין דער גאַנצער נאַטור איז דעם מענשען נים אַזוי פאַלש, ווי דאָס פייער. עס בלייבט זיך א פונק בעגראָבען ערגיץ אין א באַרג אש; דער מענש קוקט זיך גאָר אויף איהם נים אַרום, געהט זיך גאַנץ געלאַסען אָבּ-רוהען פון זיין טעגליכער אַרבייט; דורך דער צייט וואַקסט זיך דאָס פונקעלע גרעסער און גרעסער, רינגעלט זיך אַרום מיט פלאַמען, און מיט דער הילף פון דעם ווינד פערשפרייט עס

זיך אויף אַ גאַנצער שטאָדט און פֿערקעהרט זי אין אַ באַרג אַש, חאַ-חאַ!.. אַ גאַנצע וועלט קאָן מען מיט דעם פֿייער חָרֵב מאַכען ...

נַעֲמָה.

און איך ווידער האָב מיך אויף דעם וואַסער אויך ניט צו בעקלאָגען. וואָס דאָס וואַסער קאָן, האָט עס שוין לאַנג אין דעם אַלטען מַבּול געוויזען.

לילית.

דאָס וואַסער קאָן, אָהן ווידערשפּרוך, פֿיעל אויפֿטהון; אָבער צו דעם פֿייער, מיין שוועסטער, קומט עס ניט. איך האָב שוין בייגעוואוינט אינטערעסאַנטע ספּעקטאַקלען; איך האָב שוין געזעהן שטורמען, שיף-בראָכען; איך האָב שוין געזעהן בלוטיגע מִלְחָמוֹת; איך האָב שוין געזעהן קוילען, שטעכען, ברעכען, רייסען שטיקער פֿון מענשען לעבעדיגערהייד; אָבער קיין זאַך ווייזט מיך ניט אַזוי פֿיעל, ווי אַ שְׂרֵפָה... איך געפֿין אין דעם גאָר אַ בעזונדער געננוס...

מָחֲלַת.

ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, מיינע שוועסטער? ניט דאָס פֿייער, ניט דאָס וואַסער קאָנען אַזוי פֿיעל אויפֿטהון, וויפֿיעל אַ פּעסט, אַ דזשומאַ, אָדער אַ היציגשלאַפֿקייט... די דאָזיגע קראַנקהייטען זענען מיינע טייערסטע קינדער. מיט זיי אַליין נעהם איך מיך אונטער אין איינע פֿיער וואָכען צייט קיין איין לעבעדיג בעשעפֿעניש אויף דעם ערד-קוגעל ניט איבערצולאָזען. געגען דעם פֿייער קאָן זיך דער מענש בעוואָהרענען; געגען דעם וואַסער—דעסטגלייכען: דאָס פֿערלאַנגט נור אַ ביסעל פֿאָרזיכטיגקייט. וואָס אָנבעלאַנגט אָבער די קראַנקהייטען, זענען זיי נאָך דערווייל גאַנץ קליינע בְּרִיוֹת דערצו. געלינגט עס זיי ווען אַמאָל צו געפֿינען עפּיס אַ מיטעל געגען אַ קראַנקהייט, בעשאַפֿען זיי מיט דעם מיטעל אַנדערע קראַנקהייטען, וועלכע זענען אָפֿטמאָל פֿיעל שווערער אויסצוהיילען ווי די ערשטע. חאַ-חאַ-חאַ! אַ ביסעלע קרופּ, אַ ביסעלע קאָקליש, אַ ביסעלע שווינדזוכט,

דאָס אַלעס צוגעווירצט מיט אַ גוט כאָלעראַ׳לע, מען מאַכט דער־
פון אַ געטראַנק און מען גיט עס דעם מענשען אויסטרינקען,
ווײלט מען זיך דערנאָך אויך נישט שלעכט... חאַ־חאַ־חאַ!...

לילית.

דאָס אַלעס קומט ניט צו קיין שְׂרֵפָה...

נַעֲמָה.

און צו קיין שטורם אויך ניט; און צו קיין פערטרענקונג
אַ וַדאי ניט...

לילית.

איז דען פאַרהאַן פרעהליכערס ווי צו זעהן אין אַ געדיכ־
טער פינסטערער נאַכט, ווי אַ גאַנצע שטאָדט ברענט זיך ווי אַ
ליכטעלע?...

נעמה.

האָט איהר אַמאָל געהאַט דעם פערגעניגען צוצוזעהן, ווי
אַ שיף אָנגעפּאַקט מיט מענשען קעמפפט. מיט׳ן שטורם? האָט
איהר געזעהן, ווי דער ים זידט און קאָכט? ווי גרויסע ריעזענ־
כוואַלעס הויבען זיך אויף צעהנדליגער אײלען הויך, און שפּיעלען
זיך מיט דער שיף, ווי אַ קינד מיט אַ באַלאָן?... אָט שטעלט זיך
די שיף אויף אויף אײן זייט, אָט פאַלט זי אַראָב ביז צום אָב־
גרונד, אָט הויבט זי זיך ווידער אויף, אָט פאַלט זי ווידער אַראָב,
ביז, ענדליך, זי הויבט זיך אָן צו דרעהען אַרום זיך אַליין און
פערזינקט אויף אײביג אין דעם טיעפען אָבגרונד אַריין... ווער
ס׳האָט ניט געהערט דאָס קוויטשען פון די קינדער, די פער־
צווייפעלטע געשרייען פון די פרויען, ווער ס׳האָט ניט געזעהן
זייערע משונה׳דיגע הַעֲוִיות, וואָס זיי מאַכען דענסטמאָל, האָט
נאָר אויף זיין לעבען קיין פערגעניגען ניט געפיהלט...

לילית.

איז עס ווייניגער אַמוזירענד צוצוזעהן, ווי אין אַ צייט פון
אַ שְׂרֵפָה שטעהט אויף דעם צווייטען שטאָק אַ מוטער מיט צוויי

קליינע קינדער, איינס ביי דער ברוסט, דאָס אַנדערע אָנגעהאַנגען ביי איהרע קליידער: די פלאַמען רינגלען זי אַרום פון אַלע זייטען, די האָר ברענען איהר שוין אויף דעם קאָפּ, און זי גלאָצט-אויס איהרע אויגען, עפענט-אויף גאַנץ ברייט איהר מויל; די קליינינקע שרייען, די מענשען לויפען אונטען אַרום, ווי די פער'סמ'טע מייז... חאַ-חאַ-חאַ!... ס'איז זיך, זאָג איך אייך, צו האַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג... זאָגט! איז פאַרהאַן אינטערעסאַנטערס, איז פאַרהאַן פרעהליכערס, ווי דאָס אויספלאַצען פון אַ וואולקאַן, וועלכער מאַכט חרוב אַ גאַנצע שטאָדט אין עטליכע מינוט? אויך דאָרט ווייזט דאָס פייער וואָס עס קאָן...

נעמה.

איז פאַרהאַן אינטערעסאַנטערס, ווי אַ פערטרענקונג?

מחלת.

איז פאַרהאַן אינטערעסאַנטערס, ווי אַ שטאָדט מיט לעדיגע הייזער און אַ בית-עולם פול מיט טויטע?...

לילית (גלעטענדיג דאָס פייער).

אָהאָ! איבער דעם פייער גיט עס גאָר קיין בעסערס ניט...

(אַשמדאי בעווייזט זיך פון דעם פייער און נאָך איהם פינף אַנדערע שדים. — די פרויען פערנייגען זיך און געהען אָב אין אַ זייט)

אשמדאי (מיט אונרוהיגקייט).

איך האָב דערהאַלטען שלעכטע בריעס... (ער זעצט זיך אויף זיין שטוהל און די אַנדערע זעצען זיך אויף די איבריגע שטוהלען) די מענשען געהען צווישען זיך שליעסען אַן'אַלגעמיינעם שלום און ווילען פערשפאַרען די אונגערעכטיגקייט אין אַן'אייביגען קערקער... זיי זענען שוין מיעד געוואָרען איינער דעם אַנדערען אויפצופרעסען, און רעדען זיך איין, אַז מיט זייער הויכער ציוויליזאַציע דאַרף זיך ווידער פאַר זיי אָנהויבען דאָס, וואָס זיי רופען „די גאָלדענע אַלטער". מיר טאָרען דאָס אין קיין פאַל ניט צו-לאָזען. די אינטערעסען פון אונזער טויזענדיעהריגען קאַמפף פאָדערען דורכ-

אויס, אַז די ווערטער „ליעבע״ און „שָלוֹם״ זאָלען פון דעם מענ־
שענס ווערטערבוך אויף אייביג אויסגעמעקט ווערען... דער קאַנאָן
מוז תָּמיד קראַכען איבער זיין קאָפּ; די שווערד מוז תָּמיד זיין
גוט געשאַרפט, און טאָר אויף איין מאָמענט זאָגאַר ניט אויפ־
הערען זיך צו באָדען אין פריש־קאָכענדיג מענשענבלוט... וואָס
פאַר אַן עֵצות קאָנט איהר מיר געבען די זאַך אויסצומיידען? זאָל
יעדער פון אייך זאָגען בעזונדער, וואָס ער דענקט.

ערשטער שד.

מעכטיגער הערשער! פייער און בליי מוזען רעגענען אָהן
אויפהער. די קאַנאָנען מוזען קראַכען, אין מענשענבלוט זאָל
רינען שטראָמענווייז!

צווייטער שד.

ווען איינער וועט זיך פיהלען בעליידיגט און דער צווייטער
אונשולדיג; ווען בייא איינעם וועט ברענען אַ געפיהל פון הייסער
נְקָמה און בייא דעם צווייטען וועט די מורא פאַר אַ קינפטיגער
צושטערונג אָוועקרייבען דעם שלאָף פון די אויגען, דאַן האָבען
מיר אונז פאַר קיין שָלוֹם ניט צו שרעקען...

דריטער שד.

נעהם צו בייא איינעם און גיב דעם צווייטען; זאָל איינער
הערשען און דער צווייטער פאָלגען: דערלאָז ניט, אַז זיי זאָלען
זיין אַלע גלייך...

פיערטער שד:

ווען בייא איינעם אין הארצען וועט ברענען אין דערזעל־
בער צייט קִנְאָה און האָפנונג, ווען דער צווייטער וועט אָהן
אויפהער אויפגעפרעסען ווערען פון אונזיכערהייט, פון צווייפעל
און פון פערדאַכט, וועט די תאוה צו אַ „וועלט־שָלוֹם״ ניש׳קָשֶה׳־
דיג אָבגעקיהלט ווערען.

פינפטער שד.

און איך וואָלט דיר געראַטהען, גרויסער הערשער, אַז דו
זאָלסט בעשענקען איינע פון די גרויסע מלוכות מיט אַ פּאָר פון

דיינע מעכטיגסטע צושטערונגס־מיטלען: אַ נייע קריעגס־שיף, אַ וועלטענער צושטערונגס־מאַטעריאַל, אייניגע ריעזען־קאַנאָנען זע־גען די בעסטע רפואות געגען שלום־קראַנקהייט...

אַשמדאי.

אייערע עצות זענען אויסגעצייכענט און מוזען באַלד אויס־געפיהרט ווערען. וואָס שנעלער — איז בעסער: וואַרטען וועט זיין אַנ'אונפּאַרזיכטיגקייט...

לילית.

איך וויל מיר מאַכען דעם פערגעניגען אַנצושיקען אויף אַ גאַנצער שטאָדט מענשען אין איין טאָג אַ מגפה, אַ שרפה און אַ פערטרענקונג. וועסט עס מיר ערלויבען, גרויסער הערשער? (זיך חנ'דלענדיג און גלעטענדיג די פלאַמען) ס'איז שוין, כ'לעבען, צייט אונזער פייערל אַ ביסעלע אויסצולופטערן... וועסט עס אונז ערלויבען, גרויסער הערשער?...

אַשמדאי.

ניין!...

די פרויען (ערשטוינט).

ניין!!?!!!

אַשמדאי.

ניין... דער וועג איז אַ שלעכטער. איך זעה מיך אַרום, נאָך אַ קאַמפּף פון טויזענדער יאָהרען, אַז אויך דער גיהנום וועט מוזען זיין מעטאָדע בייטען... די אַלגעמיינע און אַבסאָלוטע צו־שטערונג איז פאַר אונז אַליין אויך שעדליך...

לילית.

שעדליך פאַר אונז!?

אַשמדאי.

יאָ. מיט דעם צושטערען די וועלט וועלען מיר גאָרניט געווינען, און עפּיס וויכטיגעס צו שאַפען זענען מיר אונפעהיג...

צושטערען די וועלט, דאָס איז צושטערען דעם מענשען, און אָהן דעם מענשען איז אונזער גאַנצע הערשאַפט ווערטה אַנ׳אויסגע־בלאָזען איי... אָהן דעם מענשען עקזיסטירט ניט אויף דער וועלט ניט קיין שלעכטס, ניט קיין גוטס; ניט קיין פינסטערניש, ניט קיין ליכט; ניט קיין טייפעל, ניט קיין גאָט...

לילית.

וועלען מיר אַלזאָ מוזען אונטערטעניג זיין דעם שוואַכען מענשענקינד! חאַ־חאַ!... אַ שענע הערשאַפט וועט דאָס פאַר אונז זיין!...

נַעֲמָה.

גרויסער הערשער! דיינע רייד דערשרעקען אונז...

אשמדאי.

אונטערטעניג ניט. אָבער שוינען וועלען מיר עס מוזען, פאַר אונזער אייגענעם נוצען. דער מענש איז, אָהן ווידער־שפרוך, דאָס פאָלקאָמסטע פון אַלע ווערק, וואָס אונזער שׂוֹנֵא האָט געשאַפען. די אונשטערבליכע פונקען, וואָס ער האָט אין זיין לעהמענעם קערפער אריינגעבלאָזען, וועלען זיין אַנ׳אייביגער שפּיגעל, אין וועלכען עס וועט זיך אָבשפּיגלען יְהֹוָה׳ס גרויסקייט... און אָט דעם שפיגעל מוז איך ביי איהם אַרויסרייסען און איהם פערהאַלטען תמיד גאַנץ... דאָסזעלבע מענשענקינד, וואָס זינגט יעצט יְהֹוָה׳ס לויב און שעלט מיך און האַסט מיך, וועט אַמאָל מוזען קריכען, ווי אַ שמוציגער וואָרים, פאַר מיינע פיס און מיך ריהמען און מיך לויבען און מיך בעטראַכטען פאַר דעם הערשער פון דער גאַנצער וועלט...

לילית.

דאָס, וואָס צינדט־אָן מיין צאָרן און טרייבט מיך מיט איין בלאָז די גאַנצע וועלט חָרֵב צו מאַכען, דאָס איז די קאַלטע פעראַכטונג, וואָס אונזער שׂוֹנֵא ווייזט אונז. מען וואָלט זאָגען, אַז איהם הויבט גאָר ניט אָן צו אַרען אַלע אונזערע פלענער, אַלע אונזערע אונטערנעהמונגען; גלייך ווי ער וואָלט מיט זיין

נִצָחון שוין פֿאָלקאָמען זיכער געווען. און דאָס שוואַכע ניעדריגע מענשענקינד, אויך דאָס קעמפֿפֿט געגען אונז... אויך דאָס זוכט אונז צו פֿערניכטען... אַך! ווי שענדליך דאָס וועט זיין פֿאַר אונז, אויב זיין אונטערנעהמונג געלינגט איהם!...

נעמה.

אָט האָט איינער געשוואָרען צו פֿאַנגען די מוטער פֿון דער נאַכט...

מחלת.

מיין ברודער, מַשחית, וועט דאָס ניט דערלאָזען... ער האָט שוין באַלד אַ גאַנצע שטאָדט מענשען אויסגעשטיקט...

אַשמדאי.

איך וועל אויך הייסען מַשחית'ען זיין קאַמפֿף אַוועקלעגען. דער גיהנום איז נאָך גענוג רייך אין אַנדערע מיטלען די זאַך אויסצומיידען.

לילית (מיט אַ שרעקליכער בייזקייט).

צושטערען!... פֿערניכטען!... די גאַנצע וועלט חָרֵב מאַכען, אָט דאָס איז דער בעסטער וועג!... ניט מיר זאָלען האָבען, אָבער אונזער שונא זאָל אויך גאָרניט האָבען...

אשמדאי.

האַנדלען, ווי דו זאָגסט, וועלען מיר טאַקי גאָרניט האָבען. אונזער שונא אָבער וועט אַלעס האָבען. די מענשען זענען קיינמאָל ניט אַזוי פֿרום און טוגענדהאַפֿט, ווי ווען זיי זענען אין אַנ'אַלגעמיינער נויט. דענסטמאָל פֿערליערען זיי מיט איין מאָל זייערע פּערזענליכע אינטערעסען; דענסטמאָל דערשטיקען זיי מיט אַנ'אייזערנער האַנד די שטימע פֿון זייער זעלבסט-ליעבע און אין זייערע הערצער צינדט זיך אָן אַ פֿונק, וואָס זיי רופֿען „הייליג"... אַ פֿונק, וועלכער מאַכט זיי פֿעהיג צו פֿיהלען די ליידען פֿון זייערע מיט-ברידער און צו ברענגען איינער פֿאַר דעם צווייטען די גרעסטע קָרבָנות... אָט פֿאַר דעם פֿונק דאַרפֿען מיר

צימערן, דען ער איז איינער פון די שטארקסטע בענדער, וואס בינ־דען־צו א מענשען צו א מענשען און וואס קאנען ברענגען, אז די גאנ־צע מענשהייט זאל לעבען מיט איין גדאנק, מיט איין געפיהל, מיט איין שטרעבונג—און דענסטמאל איז אונזער קאמפף פערלארען און אונזער שונא האט געזיעגט!... אט די איינהייט טארען מיר קיינ־מאל ניט דערלאזען; אט דעם פונק מוזען מיר דערשטיקען נאך איידער ער ווערט געבארען, און פלאנצען אין זייערע הערצער אנשטאט ליעבע — האס; אנשטאט רחמנות — שאדענפרייד; אנ־שטאט צוטרויען — אנ׳איי‏ביגען פערדאכט, אנ׳איי‏ביגע ווארנונג פון איינעם געגען דעם אנדערען... מיר קאנען זיי פערפיהרען; מיר קאנען זיי נארען; מיר קאנען פערשפרייטען א געדיכטע פינסטערניש אויף זייערע אויגען און זיי מאכען אונפעהיג צו גע־פינען דאס ליכט... מיר קאנען זיי ברענגען דערצו, אז זיי זאלען זיך אליין טויטען, אז זיי זאלען זיך אויפפרעסען איינס דאס אנדערע — און דענסטמאל פאלען זיי אריין אין כף־הקלע און זייערע נשמות געהערען צו אונז. מיט שלעכטס אבער, וואס מיר ווע־לען זי טהון, מאכען מיר זיי פאר קדושים און מיר שאפען מיט אונזערע איי‏גענע הענד א שרעקליכע ארמעע געגען אונז אליין...

לילית.

גרויסער הערשער! גלויבסטו, אז אונזער שונא וועט דאס דערלאזען? וועט ער ניט טהון אליין, וואס מען וועט דארפען, זיינע מענשעלעך פון אונטער דיין מאכט ארויסצורייסען?

אשמדאי.

ער האט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו דערקענען דאס גוטע און דאס שלעכטע און האט זיי געלאזט די פרייהייט, אויסצוקלייבען וועלכעס זיי וועלען וועלען...

לילית.

און זיי שטרעבען צו דעם גוטען און ניט צו דעם שלעכטען...

אשמדאי.

צו־שוואך, צו־שוואך זענען זייערע מיטלען דאס אֶמֶת'ע גוטע צו געפינען, ווען אשמדאי אליין וועט ווערען זייער פיה־רער... א דאנק זייערע לעהמענע קערפּערס, האט מיר געלונגען צו פערשפּרייטען אויף זייערע אויגען א געדיכטע פינסטערניש, און זיי צו צווינגען צו געהן אין דעם לעבען, טאפּענדיג דעם וועג, ווי די בלינדע, און צו בעטלען איינער ביי דעם צווייטען א ביסעלע ליכט... ניט אזוי גיך וועלען זיי זעהן די זאכען אין זייער אמת'ען ליכט... געפרעסען פון אונזיכערהייט און פון צווייפעל, וועלען זיי שוועבען צווישען הימעל און ערד, פאלען פון איין טָעות אין צווייטען אריין; זיך האלטען היינט פאר געטער, מאר־גען פאר קריכענדיגע ווערים; לעבען אין א שטענדיגען ווידער־שפּרוך סיי מיט זיך אליין, סיי מיט אנדערע; זיך ארומדרייסען; זיך ארומקריעגען; זיך געגענזייטיג צושטערען, ביז ענדליך ער־שעפּט פון אנ'אומזיסטיגען קאמפּף וועלען זיי ווערען די שקלא־פען פון זייערע קערפּערס און דענסטמאל בין איך דער הערשער!

(עס הערען זיך פערצווייפעלטע געשרייען. פון די לעכער הויבען זיך אן אריינשיטען א גאנצע מעננגע שדים מיט פייער־פאקעלן אין די הענד. זיי ברענ־גען דעם בארג־גייסט אין קעטען געשמידט, און לעגען איהם אניעדער פאר אשמדאי'ס טראהן)

אלע שדים.

עס לעבע אשמדאי!... עס לעבע לילית, די מוטער פון דער נאכט! (זיי ווארפען זיך אלע אויף די קניע)

אשמדאי.

וואס קומט דא פאר? וואס פאר א געשרייען האב איך פריהער דא געהערט?

שַבְרִירִי.

מעכטיגער הערשער! די מוטער פון דער נאכט האט אונז בעפוילען צו פאנגען דעם בארג־גייסט און איהם צו ברענגען פאר דיין טראהן אין קעטען געשמידט. מיט דער טיעפסטער ערגעבענ־הייט לעגען מיר איהם צו די פיס פון דיין גרויסקייט.

אשמדאי.

מוטער פון דער נאכט! וואס פאר א צוועק האט געהאט דיין בעפעהל?

לילית.

גרויסער הערשער! דער בארג־גייסט איז א פעררעטער; ער שטעלט אונזער הערשאפט אין די גרעסטע געפאהרען; ער לעבט אין צו־פיעל פריינדשאפט מיט דעם פערשאלטענעם מענשענ־קינד. חנפ'עט די, וואס דער מענש רופט צדיקים: דאס הייסט אונזערע געפעהרליכסטע געגנער; און אויב ער ווייזט עפיס א נייגונג צו צושטערען, איז עס גראד געגען די שלעכטע—דאס הייסט געגען די, פון וועלכע די נשמות דארפען אמאל קומען אונזער ארמע פערשטארקערן... אין א צייט פון קריעג איז קיין געפעהר־ליכערס ווי דער בארג־גייסט מיט זיין כנופיה נישטא. איך פאדער אלזא זיין אבסאלוטע פערניכטונג! ...

דער בארג־גייסט.

מעכטיגער הערשער! אויב דער גיהנום האט זיינע געזעצען, פונקט ווי דער הימעל, ערלויב ניט, אז מען זאל מיך פלאגען, ווען איך בין געגען דיר די קלענסטע זינד ניט בעגאנגען.

לילית (מיט א געוואלטיגער בייזקייט).

שווייג, דו פעררעטער! אדער איך וועל באלד הייסען דיר דיין צונג ארויסרייסען... א גליק, וואס איך בין פארזיכטיג און האב איהם געהייסען בעזייטיגען געגוג פריה! ווען איך זאל גע־ווען פערשפעטיגען מיט עטליכע שטונדען, וואלט איך שוין איצט פערלארען געווען אהן הילף. גרויסער הערשער! אויב מיין דיענען קאן דיר נוצליך זיין, מוזט מיך היטען מעהר ווי אלע דיינע אנדערע קרעפטען. אהן מיר — פערשווינדט די פינס־טערניש פון דער וועלט, אלע אויגען עפענען זיך אויף, און דענסטמאל ...

אלע שדים.

און דענסטמאל זענען מיר אלע פערלארען!... און דענסט־מאל זענען מיר אלע פערלארען!...

אַשמדאי.

איך אָנערקען, אַז קריעגסצייט פֿאָדערט אַ פֿיעל גרעסערע פֿאָרזיכטיגקייט ווי אַלע אַנדערע צייטען... יעדענפֿאַלס פֿערדיענט דער באַרג־גייסט דערוויילֿ קיין אַבסאָלוטע פֿערגיכטונג ניט. מען קאָן איהם נור אונפֿעהיג מאַכען צו שאַדען. אָהן אויגען און אָהן אַ צונג וועט ער אונפֿעהיג זיין אונטערצושיידען דעם גערעכטען פֿון דעם אונגערעכטען און דעם קלענסטען סוד אויסצוזאָגען...

אלע.

לעבען זאָל אַשמדאי!... לעבען זאָל די פֿינסטערניש!...

דער באַרג־גייסט.

מעכטיגער הערשער!...

אַשמדאי.

טהוט, וואָס איך בעפֿעהל!...

(עטליכע שדים נעהמען דעם באַרג־גייסט, טראָגען איהם צו צום פייער־פלאַץ און מיט געגליהטע אַייזענס ברענען זיי איהם אוים די אויגען און די צונג.— אין דער צייט, וואָס די ערפילען אַשמדאי'ס בעפעהל, טאַנצען די איבריגע שדים אַ משוגה'דיגען טאַנץ און זינגען דאָס פאָלגענדע ליעד, וועלכעס ווערט צייטענווייז איבערגעריסען דורך די געשרייען פון דעם ליידענדען באַרג־גייסט)

עטליכע שֵדים און שֵדות (זינגען).

דער אַשמדאי איז מעכטיג, גרוים,
ער איז דער פֿיינד פֿון ליכט און שיין;
ער פֿלאַנצט דעם וועה אין יעדען שוים
און קוועלט פֿון יאָמער, לייד און פיין!... (אַלע טאַנצען)

אַנדערע (זינגען)

עס שטאַרבט די האָפֿנונג פֿאַר זיין בליק
און די פֿערצווייפֿלונג וואַקסט אַלץ מעהר;
דאָס מענשענקינד פֿערגעסט זיין גליק,
דאָס לעבען ווערט איהם ביטער, שווער. (טאַנצען)

די ערשטע (זינגען)

ער האָט אין אָנהויב פון דער וועלט
מיט גאָט אַליין פערפיהרט אַ קריעג —
און היינט מוז ווערען פעסטגעשטעלט,
אַז איהם אַליין פערבלייבט דער זיעג!

אַלע צוזאַמען (טאַנצען און זינגען).

אומזיסט דאָס ליכט, אומזיסט די שיין,
וואָס דו פערשפרייטסט, אָ היילינקייט!
דער אַשמדאי מוז זיעגער זיין
און קעניג פון דער אייביגקייט!...

(עס ווערט אַ גערויש; דאָס פייער לעשט זיך פלוצים אויס, און דער מלאַך־המות בעוויזט זיך. אַלע פאַלען אויף די קניע; אַשמדאי אַליין שטעהט אויף פון זיין שטוהל)

לילית (זיך צוקושענדיג מיט'ן מלאַך־המות).

האָסט מיר איבערגעשראָקען מיין פייערל, סמָאֵל מיין מאַן; ווערסט עס אַליין מוזען בערוהיגען...

דער מַלְאַךְ־הַמָּוֶת.

יאָ, אַזוי באַלד, ווי איך וועל פון דאַנען אַרויס. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז די וואַרימקייט א'ז מיר ניט זעהר אָנגענעהם...

אַשמדאי.

קומסטו פון דעם הימעל, צי פון דער ערד? רעד, מיין זוהן!

דער מלאַך־המות:

איך קום פון דעם הימעל און ברענג דיר סך־הַכל צוויי הונדערט מיט זיעבציג נְשָמות. פינף־און־צוואַנציג אויף אַ בעשטימטער צייט, די איבריגע פאַר דיר אויף אייביג...

אשמדאי (מיט פרייד).

אויף צוויי הונדערט זיעבציג בלייבט פאר מיר צוויי הונדערט פינף־און־פיערציג!?...

דער מלאך־המות.

אויב דאס וועט אזוי פארטזעצען, וועסטו אין־גיכען האבען דאס ביסעל נשמה'לעך אויף דיין צד...

אלע שדים.

לעבען זאל אשמדאי!... לעבען זאל די פינסטערניש!...

אשמדאי.

האסטו עפּיס אין הימעל אויך איבערגעלאזט?

דער מלאך־המות.

א קלייניגקייט... די נשמה פון אנ'אלטען יודישען בטלן און דריי נשמה'לעך פון קליינע קינדער...

לילית.

דאס איז אלעס?... (אלע לאכען) חא־חא־חא!

אשמדאי.

ווי איך זעה, געלינגען מיר מיינע פּלענער וואונדערבאר גוט. אויב דאס געהט אזוי ווייטער אויך, דאן ציטער, יהוה! ציטער פאר דיין טראהן, פאר דיין וועלט און פאר דיינע מענשען!...

לילית.

און וואס הערט זיך איצט מיט דער מגפה? שטארבען עפּיס אסך מענשען?...

דער מלאך־המות.

ס'זענען א ניש'קשה'דיגע צאהל אויסגעשטארבען. די נשמות

זענען אָבער אַלע געבליבען אויבען... זיי ווערען בעטראַכט פֿאַר גאַנצע קְדוֹשִים...

אשמדאי.

נו, זעהסטו, ווי פֿאָרזיכטיג מיר מוזען זיין, מוטער פֿון דער נאַכט?

(עס לויפט אַריין אַ שד דערשראָקען)

דער שד.

מעכטיגער הערשער! איך קום דיר אָנזאָגען אַ שרעקליכע בייעס!... די מַגֵפָה איז געשטילט, דאָס פֿערשאָלטענע מענשענ־קינד, דער לַמֶד־וָאו'ניק, האָט זי אָבגעשטעלט; און מיט דער הילף פֿון אַ פֿערזעטער, דעם פֿעלד־שטיין, איז איהם געלונגען צו פֿאַנגען צוויי פֿון אונזערע מעכטיגסטע גייסטער: דעם גייסט פֿון קאָשמאַרען און דעם גייסט פֿון דער דזשומאַ!...

אשמדאי (שפּרינגט־אויף פֿון זיין שטוהל דערשראָקען).

ביידע געפֿאַנגען!...

מָחֲלַת:

מיין ברודער מַשְחִית אין זיין געוואַלט!...

לילית (מיט אַ קאָנוואולסיווער בייזקייט).

אַך! דאָס פֿערשאָלטענע מענשענקינד!... דאָס פֿערשאָלטענע מענשענקינד!...

אשמדאי.

זאָלען באַלד פֿופֿציג טויזענד פֿון די פֿעהיגסטע שֵדים אַרויס זיי צו בעפֿרייען! עס זאָל קיין זאַך ניט געשפּאָרט ווערען!... בענוצט אַייך מיט אונזערע מעכטיגסטע עלעמענטען: פֿייער, וואַסער, לופֿט; שפּאָרט קיין זאַך ניט!...

דער שד.

דיין בעפֿעהל ווערט גלייך אויסגעפֿיהרט, מעכטיגער הערשער!... (ער געהט אָב)

דער מַלְאַךְ־הַמָּוֶת.

דאָס שפּיעל איז ניט קיין שלעכטעס. ווער ווייס, ווי אַזוי דאָס וועט זיך נאָך ענדיגען... דער משוגע׳נער נעהמט זיך נאָך עפּיס גרעסערס פאָר: ער וויל ביי מיר אויך מיין פּרנסה צונעה־מען... אָבער איך מוז געהן. איך האָב נאָך היינט אַ ניש׳קשה׳־דיג ביסעל אַרבייט... מעכטיגער הערשער! וועסט אַזוי גוט זיין און דיך אונטערשרייבען אָט דאָ אין מיין בוך, אַז דו האָסט די נשָמות דערהאַלטען.

(עם בעווייזען זיך אַ מאַסע דורכזיכטיגע גייסטער, צווישען וועלכע מען בעמערקט מענשען פון פערשיעדענע נאַציאָנען און ראַסען: יודען, קריסטען, מאַחמעדאַנער, חינעזער, נעגערס, יעדער אין זיין נאַציאָנאַלען קאָסטיום. צווישען זיי — פאָרשטעהער פון פערשיעדענע רעליגיאָנען)

אַשמדאי.

גיב אַהער דיין בוך, איך וועל מיך דאָרט אונטערשרייבען.

(אַ שד דערלאַנגט איהם אַנ׳אָנגעבּרענט שפּיזעל, און ער שרייבט זיך אונטער אין דעם בוך)

דער מלאַך־המות:

איך מוז דאָס גלייך דער צייט איבערגעבען.

אַשמדאי.

וואוהין געהסטו יעצט?

דער מלאַך־המות.

קיין פראַנקרייך, וואו אַ חֶבְרה לעבּע־קינדער וואַרטען אויף מיר מיט אונגעדולד... (ער פערשווינדט. — דאָס פייער ציגדט זיך צוריק אָן)

לילית.

מַשְׁחִית איז געפאַנגען, קְצָרות איז געפאַנגען און יעצט וועל איך אויך געפאַנגען ווערען, — דאַן קאָנען מיר דרייסט דאָס געוועהר אַוועקלעגען!...

אַשמדאי.

דערווייל האַלט נאָך ניט אַזוי וזייט. צו צושטערען די

וועלט וועלען מיר נאָך צייט האָבען אין דעם לעצטען מאָמענט. דערווייל דאַרפֿען מיר אַלעס אָנווענדען צו לעבען און צו הערשען... (עס בעווייזט זיך דער שטן) נאָר אָט קומט דער שָׂטָן, ער ברענגט אונז זיכער אינטערעסאַנטע נייעס.

דער שָׂטָן.

בררר!... דאָ איז נישקָשֶׁה׳דיג קאַלט, דאָס בינטעל ביינער איז אַ וַדאי דאָ געווען; איך דערקען דאָ זיין אָטהעם. (צו אַשמדאי) דאָ האָסטו, גרויסער הערשער, אַ פּאָר צעהנדליג נייע קאָנטראַקטען אויף נְשָׁמות, אַלע גע׳חַתְמ׳עט מיט וואַרים מענשענבלוט. איך האָב צוטיילט אַ נישקשה׳דיג ביסעל סחורה. זינדיגע האָב איך דורך דעם היינטיגען טאָג אַליין געמאַכט אַריבער פֿינף טויזענד. — פֿינף טויזענד גיהנום־קאַנדידאַטען!... חאַ־חאַ! דאָס איז ניט קיין שפּיעלכעל, גרויסער הערשער! אֵייניגע פֿון זיי שמעקען שוין מיט נאָך־דער־תליה אויף אַ מייל די ווייט...
(ער דערלאַנגט איהם אַ פּאַק פּאַפּיערען)

אַשמדאי.

צוויי צעהנדליג נייע קאָנטראַקטען, דאָס איז צוויי צעהנדליג זיכערע נשָׁמות. וואָס אָנבעלאַנגט די זינדיגע, רעכען איך דערווייל אויף זיי זעהר ווייניג.

דער שטן.

וואָרום, גרויסער הערשער

אַשמדאי.

ווער ווייס, וואָס עס קאָן נאָך ביז זייער טויט פֿאָרקומען? היינט זינדיגט מען, מאָרגען טהוט מען תְּשׁובה, מען פֿאַסט אַ פּאָר תַּעניתים, מען קלאַפּט זיך אין האַרצען אַריין און מען ווערט אַ גאַנץ פֿרישער צַדיק; און דאָס אַלעס אַרבייט מיר אָן די פֿערשאָלטענע חֲרָטה... אַך, די חֲרָטה!... ווען עס וואָלט מיר געלונגען זי צו פֿערניכטען, וואָלטען מיר באַלד געהאַט דעם הימעל פֿאַר אונז...

דער שטן.

איך ווידער, גרויסער הערשער, ווי דו זעהסט, האָב מיך אויף דער חרטה גאָרניט צו בעקלאָגען. דער, וואָס האָט נור איין מאָל דעם טעם פֿון זינד פֿערזוכט, אויב ער איז גענוג קלוג ניט צו שטאַרבען באַלד נאָך דער תשובה, וועט זיך שוין פֿון מיינע הענד זעהר שווער אַרויסדרעהען. אַ קלוגער טייפֿעל דאַרף זיך פֿאַר קיין זאַך ניט שרעקען, און פֿון אַלץ גוטע נוצען אַרויס־ציהען. וועסטו גלויבען, גרויסער הערשער, אַז די חרטה האָט מיר שוין טויזענדער נשמות געשאָנקען? זי איז אַ זעלטען גוטע מעקלערין, ווען מען ווייס נור ווי אַזוי זי אויסצונוצען. איך קום צו געהן צו אַ יאָלד און הויב איהם אָן פֿאָרלעגען מיין בינטעל סחורה; ער וויל גאָר מיט מיר קיין וואָרט ניט רעדען, געה איך אַוועק און קום אַ צווייטען מאָל: דאָס צווייטע מאָל איז ער שוין מיט מיר אַ ביסעל געוועהנט; ער וואַרפֿט אַ גנבה'שען קוק צו מיין פעקעל. ער חאַפּט זיך אָבער צוריק; ער האָט מורא אַ גוטען קוק צו טהון. איך געה אַוועק און לאָז איהם די צייט חרטה צו האָבען אויף דער קליינער זינד. איך קום אַ דריטען, אַ פֿיערטען און אַ פֿינפֿטען מאָל, ביז וואַנען איך געוועהן איהם צו ביסלעכ־וויז צו זינדיגען און חרטה צו האָבען... ווען איך האַלט שוין מיט איהם אויף אַ שטיקעל דרך, ווייז איך איהם אַ ביסעל פֿון מיין סחורה, ער קוקט שוין אויף איהר דאָסמאָל מיט וועניגער שרעק; זיין נייגיעריגקייט וואַקסט אַלץ מעהר און מעהר, ביז ענדליך זיינע תאוות צינדען זיך אָן; און ווען איך זעה, אַז ער וואָלט גערן מיר געגעבען עפּיס צו לייזען, נאָר ער האָט נאָך מורא, דאַן ווייז איך אַליין איהם די חרטה... „נאַריש מענשעלע,— זאָג איך איהם, — גאָט איז קיין קאָזאַק ניט. אַ ביסעלע חרטה קאָן זעהר פֿיעל העלפֿען: זאָלען דיינע זינד זיין אַזוי רויט ווי בלוט, וועט זי זיי ווייס מאַכען, ווי ריין־געפֿאַלענער שניי. דו האָסט אַ געלעגענהייט יעצט רייך צו ווערען; ס'איז דאָ אַ מאַסע אָרימע־לייט אין שטאָדט. עס ברעכט פּשוט דאָס האַרץ, צוזעהענדיג, ווי זיי מאַטערען זיך נעבעך. דו האָסט אַ געלעגענהייט זיי צו העלפֿען; דו וועסט אויפֿבויען אַ בית־יתומים, אַ שפּיטאָל, וועסט גרינדען קאָמיטעטען. וועסט... וועסט... וועסט..." דער קאָפּ ווערט איהם פֿערדרעהט און ער ווערט שוין מיינער אַ קונה...

דאָס אַלעס אַ דאַנק דער חרטה. וואָלט די חרטה ניט געווען — בין איך קיין טייפּעל ניט, אויב איך וואָלט ביי איהם אַפּילו פאַר אַנ׳עֲבֵרה׳לע געלייזט!...

אשמדאי.

האָט ער אָבער חרטה, טהוט ער אָבער תשובה, דאַן איז דיין גאַנצע מיה אומזיסט...

דער שטן.

זיי מיר מוחל, גרויסער הערשער!... דער מענש, וואָס זינדיגט איין מאָל און האָט חרטה, איז שוין מיינער אַנ׳אֵייביגער קונה. די חרטה נעהמט איהם וואָס אַ מאָל װעניגער און װעניגער, זיין דורשט צו זינד ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער — אַזוי אַז ווען איך גיב איהם דערנאָך בלאָטע פאַר סחורה, נעהמט ער אויך צו, און גיט מיר נאָך טויזענד דאַנקען דערפאַר... חאַ־חאַ!... דער חוטא איז ווי דער שכור: וואָס מעהר ער טרינקט, אַלץ מעהר דורשט איהם, און ווען ער ליידט דערפון, וואָס ער קאָן זיך פון טרינקען ניט צוריקהאַלטען, שכור׳ט ער זיך אָן אויף־דאָס־ניי און וואַלגערט זיך אין יעדען רינשטאָק, כְּדֵי זיינע צָרוֹת צו פערגעסען...

לילית.

האָסט געפּרובט עפּיס מיט דעם פערשאָלטענעם מענשענ־קינד, וועלכער האָט געשוואָרען מיך צו פאַנגען?...

דער שטן.

מיט דעם לֶמֶד־וָאוֹ׳ניק?

לילית.

יאָ.

דער שטן.

מיט איהם עפּיס אויסצופיהרען איז גאָר ניט קיין לייכטע געשעפט, גנעדיגע מוטער! וואָלט ער געהאַנדעלט מיט ריינעם שֵׂכֶל, וואָלט מען נאָך מיט איהם עפּיס געקאָנט אויפטהון; ביי

איהם שפּיעלט אָבער דאָס געפיהל די הויפּט־ראָלע; און זיינע פּערלאַנגען זענען אַזוי גרויס, אַז מיר זענען אונפעהיג זיי צו־פריעדענצושטעלען. ער איז פעהיג צו פאָדערן, אַז איך זאָל איהם די זון דורך אַ לאָך פון אַ נאָדעל דורכשלעפּען. וואָלט עס זיך געהאַנדעלט אין שפּיעלעכלעך, ווי, למשל, געלד, פּרויען און דעסגלייכען, וואָלט איך נאָך אפשר מיט איהם געקאָנט דורכקו־מען; ער פּערלאַנגט אָבער ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי אונזער אַבסאָלוטע פּערניכטונג ...

לילית.

און ער וועט עס אויספיהרען, אויב מיר צושטערען ניט די גאַנצע מענשליכע ראַסע, אַז עס זאָל פון איהר קיין איינצי־גער ניט איבערבלייבען!...

דער שטן.

האַ־האַ! אַ גוטער פּלאַן, כ'לעבען... נאָר איין זאַך האָסטו פּערגעסען, גנעדיגע מוטער, אַז אויב דו האָסט גענוג מעגליכ־קייט דאָס מענשעלע צו פּלאָגען, האָט דיר אָבער דער „אַלטער" געלאָזט צו־ווייניג כח עס צו צושטערען ...

לילית.

אַט האָט ער געפאַנגען צוויי פון אונזערע מעכטיגסטע גייסטער...

דער שטן.

ער וועט פאַנגען נאָך טויזענדער אַנדערע, און דו וועסט מיט איהם גאָרניט אויספיהרען, אויב דו געהסט מיט געוואַלט. אויפ'ן מענשען קאָן מען ווירקען נור מיט גוטען: אויפרייצען זיין אַמביציע, שמייכלען זיינע קאַפּריזען, זיך בויגען פאַר זיין גדלות, חנפ'ענען זיינע פעהלערען, איהם איינרעדען, אַז זיי זענען גרויסע מעלות... נור מיט גוטען, נור מיט גוטען, גנעדיגע מוטער, וועסטו קאָנען דעם מענשען זיין קאָפּ פּערדרעהען...

אַשמדאי.

דער שטן איז גערעכט. אַלעס, וואָס דער מענש טהוט געגען זיין ווילען, לאָזט איהם ריין און אונשולדיג; אום ער זאָל געהערען צו אונז, מוז ער טהון שלעכטס מיט זיין אייגענעם רָצון.

דער שטן:

אָט דאָס איז די הויפּטזאַך, גרויסער הערשער! אָט דאָס איז די הויפּטזאַך. אַ לאַנגע ערפאַהרענהייט האָט מיך געלעהרענט פון געוואַלט זיך צוריקצוהאַלטען... ניט איינמאָל האָב איך אָבגעאַרבייט יאָהרענלאַנג צו חאַפּען אַ נשמה, און סוף־כל־סוף האָט זיך פון מיין אַרבייט אויסגעלאָזט אַ בוידעם. גלויב ניט, אַז די אומבייטונג פון מיין מעטאָדע האָט מיר וועניגער ערפאָלג געבראַכט. קוק־איבער די ביכער, וועסטו זעהן, אַז איך האָב די לעצטע צייטען געמאַכט פיעל מעהר געשעפטען, ווי אַלעמאָל. ווען נאָך האָב איך געקאָנט געפינען אַזוי לייכט אַ נשמה צו קויפען, ווי איצט? היינט די פרייזען... אַמאָל האָב איך בעדאַרפט דעם גאַנצען גיהנום דערצו מַטְרִיחַ זיין. יעדער שד, יעדעס שד'על האָט געמוזט מיט'ן ביטערען שוויים אַרבייטען, אַז עס זאָל אונז געלינגען צו קויפען איין מאָל אין אַ יובל די נשמה פון עפּיס אַ פעררויכערטען בַטְלָן. היינט אָבער קריג איך נשָמות פון גרויסע מענשען פאַר אַ שמעק טאַבאַק... אַ חניפה'לע, אַ בראַוואָ־געקלאַטשעריי, אַנ'אַרטיקעל אין אַ צייטונג, און יענער איז מיינער... איבערהויפּט זינט דו האָסט אויפגעטהון די קונץ מיט די פּאַרטייען, געהט עס דאָך גאָר ווי געשמירט. דאָ בין איך אַ גַבאי, דאָרט אַ שַמָש, דאָ אַ רעדנער, דאָרט אַ רֶבי, אַנ'אָפּאָנענט, אַ קאָכלעפעל. בְקיצור — וואו מען זייעט מיך ניט, דאָרט וואַקס איך.

(עס הערט זיך אין דרויסען אַ גערויש)

לילית (טהוט אַ פערצווייפעלטען געשריי).

ער קומט!... ער קומט — אָ, דאָס פערשאָלטענע מענשענקינד!... מיר זענען פערלאָרען!... (זי וואַרפט־אַריבער אַ שוואַרצען שלייער איבער איהר געזיכט)

אַלע שֵדים.

מיר זענען פֿערלאָרען !... מיר זענען פֿערלאָרען !...

(דער לַמְדָן־וואָ'ניק, בעגלייט פֿון דעם פֿעלד־שטיין, קומט אַריין. — אַלע בלייבען אונבעוועגליך)

דער לַמדן־וואָ'ניק (צום פֿעלד־שטיין).

אָט דאָס איז דער גיהנום ! יאָ, דאָס לאָזט זיך גלייך מערקען. די שרעקליכע צוואַנגס־מאַשינען ; די אויסגעטרוקענטע מענשליכע ביינער, וואָס ליגען אָנגעוואָרפֿען אויף דעם באָדען, די לײדענדע און פֿערצווייפֿעלטע פּנים'ער פֿון די בלאָנדזשענדע שאָטענס, וואָס שוועבען פֿאַר מיינע אויגען, ווייזען מיר גענוג דייטליך, אַז קיינער דיענט ניט דעם טייפֿעל מיט צופֿריעדענהייט...

דער פֿעלד־שטיין.

דאָס איז ערשט ניט מעהר ווי אַ מין פֿאָרצימער. דער אֱמֶת'ער גיהנום געפֿינט זיך ערשט אונטען... אָבער אַהינצו אַרונטערצוקומען, איז פֿאַר אַ בעשעפֿעניש פֿון בלוט און פֿלייש אונמעגליך. דאָרט שווימט מען אין פֿלאַמען פֿייער, ווי אַ פֿיש אין וואַסער, ווי אַ פֿויגעל אין דער לופֿט...

דער לַמדן־וואָ'ניק.

אויב איך געפֿין דאָ ניט, וואָס איך זוך, וועל איך אַהין אויך געהן... אָבער וועֶר איז די פֿרוי אין שוואַרצען, וואָס איך זעה דאָרט ? מען וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז די הייליגקייט אַליין... מען וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז די שְׁכִינה... (ער בעטראַכט זי מיט עהרפֿורכט) דערזעהלבער שוואַרצער שלייער אויף איהר געזיכט ; דיזעלבע קעטען אויף איהרע הענד... (ער שטרעקט צו איהר די הענד) מוטער !...

דער פֿעלד־שטיין.

שוויַיג !... דאָס איז די מוטער פֿון דער נאַכט !... אויב דו זאָגסט איהר נאָך צוויי מאָל מוטער, ביזטו פֿערלאָרען אָהן הילף!...

דער למד־וואו'ניק.

די מוטער פון דער נאַכט!...

דער פעלד־שטיין.

יאָ, זי זעהט־אויס פונקט ווי יענע. אָבער נור פאַר דעם מענשענאויג... אין דער ווירקליכקייט זעהט זי גאָר אַנדערש אויס...

אשמדאי.

ווי וואַגסטו אַראָבצוקומען אויף אַנ'אָרט, וואו קיין מענשענפוס האָט קיינמאָל ניט געוואַגט צו טרעטען?

דער למד־וואו'ניק.

דאָס, וואָס קיינער האָט ביז מיר ניט געוואַגט אונטערצונעהמען, וואַג איך, און וועל דאָס אויספיהרען!

אשמדאי.

ווייסטו, וואָס דיך דראָהעט, מענשענקינד? ווייסטו, אַז איין הויך פון מיין מויל פערוואַנדעלט דיך אין אַ בינטעל טרוקענע ביינער, און טרייבט אַריין אויף אייביג דיין נשמה אין דעם רייך פון דער ניכטיגקייט?...

דער למד־וואו'ניק (מיט אַ געוואַלטיגען שטאָלץ).

דו? אַריינטרייבען מיין נשמה אין דעם רייך פון דער ניכטיגקייט?... גייסט פון צושטערונג! עס איז פאַרהאַן אַ קראַפט, וואָס איז העכער פון דיינער! אַ קראַפט, פון וועלכער דו ביזט אַנ'אייביגער שקלאַף!...

אשמדאי.

איך!? אַ שקלאַף!?... פערשאָלטען מענשענקינד! ציטער פאַר מיין נְקָמָה!... ציטער, זאָג איך דיר: איך בין דער קעניג פון דער פינסטערנישו...

דער למד-וואָ'ניק.

אַ שקלאַף!... אַנ'אונגעהאָרכזאַמער פּילייכט, אָבער אונגע-האָרכזאַם קאָנסטו נור זיין אַזוי לאַנג, ווי מען וועט דיך ניט צווינגען צו זיין געהאָרכזאַם!...

אשמדאי.

שוואַכער און קריכעדיגער וואָרים! ווי וואַגסטו מיר צו רעדען פון צווינגען? מיר, וואָס כ'בין פעהיג מיט איין הויך פון מיין מויל טויזענדער וועלטען צו צושטערען! מיין רייך, דאָס איז דאָס פייער, דאָס וואַסער און די לופט. ווייסטו, אַז איך בין דער אייביגער שונא פון ליכט און פון שיין? דער אייביגער געגנער פון דעם, וואָס דו פערגעטערסט? איך בין געבאָרען מיט דער אייביגקייט צוגלייך; מיין מאַכט איז אונבעגרענצט!

דער למד-וואָ'ניק:

דיין מאַכט איז פּילייכט געווען אונבעגרענצט אַזוי לאַנג, ווי עס האָט געהערשט נור פינסטערניש איבעראַל: די ליכטיג-קייט איז דיין טויט!...

אשמדאי.

איך בין די קוועלע פון דער ליכטיגקייט, ניט קיין אַנ-דערער! איך בין עלטער פון איהר; איך האָב זי פון אייביג אָן ביז ניט-לאַנג געטראָגען בעהאַלטען אין מיין שויס.

דער למד-וואָ'ניק.

די ליכטיגקייט האָסטו בעהאַלטען, אָבער ניט געשאַפען. עס איז געווען אַ צייט, ווען זי איז געווען שוואַך; דאָס האָט אָבער געדויערט נור אַזוי לאַנג, ווי זי איז ניט געגאַנגען מיט דער הייליגקייט האַנד ביי האַנד... זינט אָבער די הייליגקייט שיצט זי, ציטערסטו פאַר איהר מיט דיין גאַנצען גיהנום. איין שטראַהל איהרער מאַכט אַייך אַלע בלינד, און ווייזט אייך פאַר דער וועלט מיט אייער גאַנצער מיאוס'קייט... און אָט דעם שטראַהל קום איך אייך ברענגען!...

אשמדאי (מיט כעס).

ווער ביזטו, וואס דו וואגסט צו מיר צו רעדען מיט אזא פרעכהייט?!...

דער למד־וואו׳ניק (מיט שטאלץ).

איך בין א קינד פון דער הייליגקייט. גאט איז מיין פאטער, ער האט מיך בעשאפען עהנליך צו איהם אליין.

אשמדאי.

ביזט עהנליך אויך צו מיר... ווען גאט האט געשאפען דעם מענשען, האט ער איהם געשאפען עהנליך צו זיך און צו אלע אנדערע גייסטער, וואס זענען מיט איהם אויף דעם הימעל געוועז. פון זיי אלע בין איך דער שטארקסטער, דער איינציגער, וועלכען ס׳איז געלונגען זיך פון זיינע טיראנישע קעטען ארויסצו־רייסען און צו פיהרען פריי און אונאבהענגיג א וועלט פאר זיך אליין... איך בין דער איינציגער, וואס רויבט אוועק מיט א מעכטיגער האנד די איביגקייט פון אלע זיינע ווערק, און וואס שטרעבט ביי איהם אליין אויך די איביגקייט אוועקצונעהמען!

דער למד־וואו׳ניק.

ווי לעכערליך דיין קראפט איז, ווען א בעלעבטער אטאם פון דער גרויסער וועלט, וואס מיין פאטער האט געשאפען, איז פעהיג זיך מיט דיר צו קריעגען, צו קעמפפען און צו זיעגען!...

אשמדאי (מיט כעס).

ציטער פאר מיין קראפט!...

דער למד־וואו׳ניק.

גייסט פון צושטערונג, איך בין שטארקער פון דיר!... דו ביזט נור פעהיג צו צושטערען; איך בין פעהיג צו בויען אויך!...

אשמדאי.

איך וועל דיר ווייזען, אז דיין געביי איז ניט מעהר

דזיערהאַפּט, ווי דו אַליין, קריכעדיגער וואָרים! מיין געמיינ־סטער שקלאַף צושטערט טויזענדער אַזעלכע בעשעפעניש׳ן, ווי דו, אונטער זיינע פּיס... (צו די גייסטער) גייסטער, וואָס רינגעלט מיך אַרום, וויזט איהם, וואָס איהר קאָנט!...

אַלע גייסטער.

עס לעבע די פינסטערניש!... עס לעבע די פינסטערניש!...

(זיי וואַרפען זיך אויפ׳ן למד־וואָו׳ניק און ווילען איהם אָנכאַפּען)

דער למד־וואָו׳ניק (כאַפּט אַרויס אַ ספר־תורה׳לע און הויבט עס אויף אין דער הויך).

אָט מיט וואָס איך קעמפף געגען דער פינסטערניש! לעבען זאָל די שכינה!... לעבען זאָל די הייליגקייט!...

די שדים (שפּרינגען צוריק דערשראָקען).

מיר זענען פערלאָרען!... מיר זענען פערלאָרען!...

דער פעלד־שטיין.

אָט יעצט איז דער גינסטיגער מאָמענט זי צו פאַנגען!

דער למד־וואָו׳ניק (כאַפּט־אָן לילית׳ן).

דו ביזט אין מיין געוואַלט, מוטער פון דער נאַכט!...

לילית (מיט פערצווייפעלטע געשרייען).

אָה!... אונזער הערשאַפט איז פערלאָרען!... די פערשאָלטענע שכינה וועט ווערען פריי פון איהרע קעטען און וועט אונז אַלע פערניכטען!... פערברענט, פערטרענקט, צושטערט, מאַכט חרב די גאַנצע וועלט!...

(אַשמדאי בלייבט ערשטוינט. אַלע איבריגע שדים וואַרפען זיך אויף דעם למד־וואָו׳ניק און ווילען ביי איהם לילית׳ן אַרויסרייסען. ער שטויסט זיי אָבער מיט׳ן ספר־תורה׳לע אַלע אָפּ צוריק)

דער למד־ואו׳ניק.

זי איז אין מיין געוואלט! טויזענד גיהנום׳ס וועלען זי יעצט פון מיינע הענד ניט ארויסרייסען... לעבען זאל די שכינה!... לעבען זאל די הייליגקייט!... (ער, לילית און דער פעלד־שטיין לויפען ארויס)

די אנדערע שדים (נאכלויפענדיג).

מיר זענען פערלארען!... מיר זענען פערלארען!...

אשמדאי.

די מוטער פון דער נאכט איז געפאנגען!... א שרעקליכער קאמפף וועט זיך יעצט אנהויבען... אויב די הייליגקייט האט גע־בראכען איהר שבועה און קעמפפט אליין פאר דעם מענשען, איז אנ׳ענדע פון דער שעפפונג... איך אליין וועל יעצט נעהמען די שווערד אין האנד אריין!...

דער שטן.

מעכטיגער הערשער! דאס קליינע מענשעלע איז ניט ווערטה, אז דו אליין זאלסט דערמיט קעמפפען. גיב עס איבער אויף מיינע הענד; איך וועל פרובען מיך יעצט דערמיט א ביסעל צו שפיעלען. דאס משונה׳דיגע לעבען, וואס דער למד־ואו׳ניק האט ביז יעצט געפיהרט, האט מיר קיין געלעגענהייט ניט געגעבען מיט איהם עפיס אונטערצונעהמען. יעצט, ווען ער גלויבט שוין צו האבען זיין ציעל דערגרייכט, איז דער בעסטער מאמענט איהם צו פערפיהרען. אויף ווי וויט איך קען דאס מענשען־קינד, קאן איך דיך פערזיכערן, מעכטיגער הערשער, אז עס איז קיין גינסטיגערע צייט נישטא עס צו געווינען אויף אונזער זייט, ווי דער מאמענט פון זיין נצחון. וואס מעהר ער איז איינגע־גלויבט אין זיין הויכקייט, אלץ לייכטער איז מיר איהם פון זיין פאנטאסטישען טראהן אראבצושליידערן...

אשמדאי.

איך גיב איהם דערווייל איבער אויף דיינע הענד.

דער שטן.

זיי רוהיג, מעכטיגער הערשער! איך וועל דיר ווייזען, אז אויב דער מענש איז אמאל גענוג פעהיג צו זיעגען, פעהלט איהם אבער תמיד די נויטיגע קראפט, פון זיין נצחון צו געניסען.

(זיי געהען ביידע אב)

(פארהאנג)

פיערטער טייל.

דאָס טעאַטער שטעלט פאָר אַ דורכגאַנג צווישען צוויי פעלזען. רעכטס, אין ערשטען באַרג—אַן אויפעפנונג, וועלכע פיהרט אין אַ טונעל אַריין. לינקס, אין דעם צווייטען באַרג—דאָסזעלבע. אין הינטערגרונד, גענוג ווייט, און אויף אַ געוויסער הויכקייט—אַן אַלטע שטיינערנע וואַנד, בעדעקט ערטערווייז מיט גרינעם מאָך און מיט אַנדערע פּאַראַזיטישע פלאַנ־צונגען. פון יענער זייט וואַנד, אזן ווי אין אַ וואָלקען, לאָזען זיך זעהן שפּיצען פון ביימער. ס'איז נאַכט. די לבנה בעשיינט טרויעריג די גאַנצע אומגעגענד.

אָגרת נעמה און מחלת קומען אַרויס פון אונטער דעם באַרג, רעכטס.

אָגֶרֶת.

די מוטער פון דער נאַכט געפאַנגען!... משחית געפאַנגען!... דער קאָשמאַרענגייסט געפאַנגען!...—אַ, פלוך אויף דעם מענשענ־קינד!... פלוך אויף אַלע זיינע אונטערנעהמונגען!...

נַעֲמָה.

טויזענדער פון אונזערע טייערסטע גייסטער פאַלען, ווי די פליעגען, פאַר זיינע פיס, — און זיין גאַנצע קראַפט בעשטעהט אין דעם קליינעם טאַליסמאַן, וואָס ער האַלט אין דער האַנד...

מַחֲלַת.

דער פעלד־שטיין האָט אונז פערראַטען!...

אַגרת.

מיר מוזען אַ לעצטע פּראָבע מאַכען די מוטער פון דער נאַכט פון זיינע הענד אַרויסצורייסען. (ווייזענדיג אויף דעם טונעל, לינקס) אָט דורך דעם טונעל מוז ער דורכגעהן. איך וועל איהם אויפפרעסען לעבעדיגערהייד!...

נעמה.

איך וועל אויף איהם אויסגיסען אַ רעגען פון פייער און שוועבעל!...

מָחְלַת.

איך וועל אויף איהם אָנשיקען אַלע מיינע קראַנקהייטען מיט אַ מאָל!...

אַ כאָר פון אונזיכטבאַרע שֵׁדִים.

אומזיסט דאָס ליכט, אומזיסט די שיין,
וואָס דו פערשפרייטסט, אָ הייליגקייט!
דער אַשְׁמְדַאי מוז זיעגער זיין
און קעניג פון דער אייביגקייט!...

(אַגרת, נעמה און מחלת נעהמען זיך אָן ביי די הענד און טאַנצען, מיטזינגענדיג מיט דעם כאָר)

ער האָט אין אָנהויב פון דער וועלט
מיט גאָט אַליין פערפיהרט אַ קריעג —
און היינט מוז ווערען פעסטגעשטעלט,
אַז איהם אַליין פערבלייבט דער זיעג!

(עס בעווייזען זיך אַ גאַנצע מַחֲנֶה שֵׁדִים, וועלכע קומען אַריבער פון יענער זייט וואַנד)

אַגרת.

זענט איהר גרייט צום קאַמפף?

אַלע שֵׁדִים.

מיר זענען גרייט!... מיר זענען גרייט!...

(דער למד-וָאוניק, לילית און דער פעלד-שטיין קומען אַרויס פון דעם טונעל, לינקס)

אגרת.

ער קומט! ער קומט! זייט גרייט צו קאמפף!... אונזער טויט אדער זיין טויט!... מיר טארען די מוטער פון דער נאכט ניט לאזען אין זיינע הענד! (זי מיט אלע אנדערע) פלוך אויף דעם מענשענקינד!... פלוך אויף אלע זיינע אונטערנעהמונגען!... עס לעבע אשמדאי!... עס לעבע די פינסטערניש!...

(זיי ווארפען זיך ארויף אויף דעם למד-ואו'ניק און ווילען ביי איהם ארויסרייסען לילית'ן. עס ענטשטעהט א שרעקליכער קאמפף)

דער למד־ואו'ניק (קעמפפענדיג שרעקליך, מיט'ן ספר־תורה'לע אין דער האנד).

אומזיסט אייער קאמפף! די מוטער פון דער נאכט איז אין מיין געוואלט און וועט שוין לעבעדיג פון מיינע הענד ניט ארויס!... (צום פעלד־שטיין) האלט דיך פעסט נעבען מיר, און פערגעס ניט די שבועה, וואס דו האסט מיר געשווארען!...

(דער פעלד-שטיין חאפט-אן לילית'ן און האלט זי פעסט צו)

די שדים.

אה! דער פעררעטער!... דער פעררעטער!... צורייסט איהם אויף שטיקער!... (זיי ווילען אנחאפען דעם פעלד-שטיין, דער למד-ואו'ניק בעשיצט איהם)

דער למד־ואו'ניק.

האלט דיך פעסט נעבען מיר, פעלד־שטיין!... עס וועט דיר קיין בייז ניט געשעהען... (ער מאכט אנ'עגול ארום זיך, לילית'ן און דעם פעלד-שטיין) אט דא אין דעם עגול קאן איך שטעהן אין מיטען דעם גיהנום יאהרענלאנג און פאר קיין טייפעל ניט מורא האבען!

(די שדים בלייבען פון יענער זייט עגול דערשראקען)

אגרת.

צורייסט דעם עגול!... צורייסט דעם עגול!...

אַלע (נעהמען זיך אָן ביי די הענד און טאַנצען אין אַ ראָד אַרום דעם למד-ואו'ניק, זינגענדיג).

צורייסט אויף טויזענד שטיק די וועלט,
פערפיהרט, פערפיהרט דאָס מענשענקינד!
און אויב יהוה בענשט – דאַן שעלט
און מאַכט דעם מענשענס אויגען בלינד!...

דער פעלד-שטיין (צום למד-ואו'ניק).

די לופט ווערט קאַלט און שטיקענד!... טהו עפּיס; אויב ניט – וועלען מיר שטאַרבען!...

דער למד-ואו'ניק (צעוויקעלט דאָס ספר-תורה'לע און שרייט מיט אַ פעסטער שטימע).

ויאמר אֱלֹהים: יְהִי אוֹר!–וַיְהִי אוֹר!...
(עס טהוט אַ געוואַלטיגער בליץ)

אַלע שֵׁדִים (אַנטלויפענדיג, ווי צומישט).

פלוך אויף דיר! פלוך אויף אַלע דיינע אונטערנעהמונגען!...
(זיי פערשווינדען)

דער למד-ואו'ניק (זיך ווישענדיג דעם שוויס פונ'ם שטערן).

ענדליך זענען מיר פון זיי פריי, (ער זעצט זיך אויף אַ שטיין.– דער פעלד-שטיין און לילית בלייבען אין עֶגוּל.–צום פעלד-שטיין) הערט מען דאָ ווען העַנער קרעהען? דאָס איז דער גינסטיגער מאָמענט פון דאַנען אַוועקצוגעהן.

דער פעלד-שטיין.

איך וועל דיר שוין זאָגען, ווען מיר קאָנען פון דאַנען אַוועק.
(דער שטן בעוויזט זיך)

דער למד-ואו'ניק.

אַט האָסטו אַ נייעם גאַסט... וואָס קומסטו דאָ טהון?

דער שָׂטָן.

קיין שלעכטס זיבער ניט. איך בין ענטציקט פֿון דיין העלדענמוט און קום דיך גראַטולירען. דו האָסט דיך אויפֿגעהויבען צו דער העכסטער שטופֿע גליק, צו וועלכער אַ בעשעפֿעניש פֿון בלוט און פֿלייש, ווי דו, האָט זיך געקאָנט אויפֿהויבען.

דער למד-וואו'ניק.

דאָס אַלעס איז ערשט ניט מעהר ווי אַ טריט צו דעם ערהאַבענעם גליק, פֿון וועלכען איך חָלום...

דער שטן.

ווען אֲפִילוּ דאָס אַליין זאָל שוין זיין דער העכסטער ציעל פֿון דיין שטרעבען, פֿערדיענסטו אויך ניט וועניגער בעוואונדערונג. די אינשטערבליכקייט איז דיר ערוואָרבען. די האַנד פֿון דעם קינסטלער וועט הויען דיין בילד פֿון מאַרמאָר און גאָלד. וועסט דיענען אַלס ציערונג און אַלס ביישפּיעל אין אַלע מוזעאומס, אין אַלע טעמפּלען; און קיינער פֿון די מענשען וועט ניט וואַגען אויף דיר אַקוק צו טהון ווי נור מיט דעם הוט אין האַנד און דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגען... מען וועט דיר דאַנקבאַר זיין... מען וועט דיך פֿערגעטערן...

דער למד-וואו'ניק.

ניט מיר קומט די דאַנקבאַרקייט, ניט איך פֿערדיען די פֿערגעטערונג... אַ געטליכע האַנד האָט מיך געפֿיהרט די גאַנצע צייט פֿון דעם קאַמפּף, צו איהר אַליין געהערט דער נִצָחוֹן; צו איהר אַליין די פֿערגעטערונג.

דער שטן.

אָט דאָס, וואָס די געטליכע האַנד האָט גראָד דיך אויסדערוועהלט די שְׁכִינָה פֿון איהרע קעטען צו בעפֿרייען, איז גענוג פֿאַקט, אַז דו ביזט דער העכסטער, דער פֿאָלקאָמסטער פֿון אַלע מענשען, וואָס די געטליכע האַנד האָט געשאַפֿען. שוין טויזענדער יאָהרען, אַז די שכינה שלעפּט אויף זיך איהרע שווערע

קעטען, האָט נאָך קיינער ביז דיר ניט געפּרובט זי אויסצולייזען. דו פערדיענסט, אָ, דו פערדיענסט, אָהן ווידערשפּרוך, די פער־געטערונג פון אַלע מענשען!... איך אַליין וואָלט גערן פאַר דיר מיין קאָפּ געבויגען...

דער למד־וואו'ניק.

דו? פאַר מיר דיין קאָפּ געבויגען? !...

דער שטן.

פאַר דיר און פאַר דער קראַפט, וואָס דו פערגעטערסט. ווען..

דער למד־וואו'ניק.

ווען?...

דער שטן.

ווען דו וואָלסט געווען אַ ביסעל אַנדערש געלעבט... לאָ־מיר אונז ניט נאַרען: געלעבט ווי גאָט האָט געבאָטען האָסטו ניט...

דער למד־וואו'ניק.

איך האָב געהיט מיין צונג פון פאַלשקייט; איך האָב דערשטיקט אין מיין האַרץ אַלע אומריינע פערלאַנגען; מיין נשמה האָט אַיין מאָמענט ניט אויפגעהערט צו פערגעטערן די ערהאַבענע קראַפט, וואָס איז געווען, וואָס איז און וואָס וועט אימער בלייבען די אורזאַכע פון אַלע אורזאַכען.

דער שטן.

אָט דאָס איז טאַקע דיין טָעות... ווי אַזוי האָסטו געקאָנט דיך היטען פון פאַלשקייט, ווען דו האָסט קיינמאָל ניט געוואַגט דער פאַלשקייט אין פּנים אַריין צו קוקען, כּדי דו זאָלסט קאָנען מיט מעהר זיכערהייט זי אונטערשיידען פון דער וואַהרהייט? ווי אַזוי האָסטו געקאָנט דערשטיקען אין דיין האַרצען די אומריינע פערלאַנגען, ווען דו האָסט די אומריינע פערלאַנגען גאַר קיינמאָל ניט געקענט און ביזט אונפעהיג געווען זיי פון די ריינע

פערלאנגען אונטערצושיידען?... ווי אזוי האסטו געקאנט אבגע-
בען דער ערהאבענער קראפט, דער אורזאכע פון אלע אורזאכען,
די פערגעטערונג, וואס זי פערדיענט, ווען דו האסט גאר קיינ-
מאל ניט געוואגט דיך גוט צוצוקוקען צו דער גרויסער וועלט,
וואס זי האט געשאפען? איז דען פארהאן פאר דעם מענשען
אנ'אנדער מעגליכקייט צו קענען די גאטהייט און זי צו בעוואונ-
דערן, ווי דורכצופארשען אלע פערשיעדענע טיילען פון דער
שעפפונג, פון קליין ביז גרויס, אין וועלכע זי שפיגעלט זיך אב
מיט פייערדיגע שטריכען?...

דער למד-וואו'ניק.

די הייליגקייט האט זיך מיר ענטפלעקט אין מיין פריהעס-
טער יוגענד, און האט מיר געדיענט אלס מוטער און אלס
פיהרערין...

דער שטן.

און ווי אזוי ביזטו זיכער, אז דאס איז ווירקליך געווען די
הייליגקייט, וויבאלד דו האסט קיינמאל ניט געלערנט זי אונטער-
צושיידען פון דער ניט-הייליגקייט? פיליכט איז דאס גאר געווען
א בייזער גייסט, וועלכער האט דיך פערפיהרט?

דער למד-וואו'ניק (ווי דערשראקען).

א בייזער גייסט?...

דער שטן.

חא-חא! פון וואנען ווייסטו, אז ניין?... איבערהויפט, ווע'
איך זעה, אז אויף יעדען טריט און שריט האט דיך דיין ארט
לעבען ערוויימערט פון דעם צוועק, וואס גאט האט זיך פארגע-
נומען נאך דעם, ווי ער האט זעקס טעג נאכאנאנד אזוי שווער
געארבייט פאר דעם מענשענקינד אזא גרויסע, שענע, פראכט-
פולע וועלט צו שאפען... נאכמעהר — אנשטאט די גאטהייט צו
עהרען, לעסטערסטו זי טאג-טעגליך דערמיט, וואס דו, נאריש און
שוואך בעשעפעניש, האלטסט אין איין חקר'ענען וועגען איהרע
ווערק און זוכסט זיי אויסצובעסערן...

דער למד-וואו'ניק.

איך לעסטער!... דו וואַגסט עס מיר צו זאָגען!?...

דער שטן.

אָט אַזוי זענט איהר אַלע מענשענקינדער. זאָגט מען אייך דעם אֶמֶת, צינדט זיך אָן אַ פייער אין אייער האַרצען און איהר וואָלט וועלטען חָרֵב געמאַכט... אַדרבה, זאָג דו אַליין, האָט דען גאָט געוואָלט, אַז דער מענש זאָל לעבען ווי דו לעבסט? ווען גאָט וואָלט געוואָלט האָבען איינפאַכע נשָמות, וואָלט ער געווען אַ וועלט בעשאַפען? וואָלט ער זיך געווען די מיה געגעבען מיט זיינע אייגענע הענד פון אַ שטיק לעהם אַזאַ קינסטליכען קער־פער אויסצוקנעטען, איהם צו געבען אויגען צו זעהן, אויערען צו הערען, אַ נאָז צו שמעקען, אַ גומען צו פיהלען, די פעהיג־קייט זיך צו בעוועגען פון איין אָרט אויף דעם אַנדערען, אָבצו־רייסען די וואונדערבאַרע פרוכט, וואָס זיין מעכטיגע האַנד האָט אין דעם ערדישען גַן־עֵדֶן געפלאַנצט, זיי צו פערזוכען, פון זיי צו געניסען און אין זיי בעוואונדערן די ערהאַבענע גוטסקייט, די אונענדליכע פאָלקאָמענהייט, וואָס ער אַליין האָט אין זיי געפונען באַלד נאָך דעם, ווי ער האָט זיי געשאַפען? האָט גאָט אַליין דען ניט פערזיכערט, אַז אַלץ איז פאָלקאָמען גוט און פערדיענט דעם קלענסטען פאָרוואורף ניט? וואָס זאָגסטו אָבער? „גאָט האָט געשאַפען אַ וועלט אין איהר צו לעבען? פי!... נאַרישקייטען!... דומהייטען... אַ מויזענלאָך איז גוט”... — און דו פערקוקסט דיך אין אַ מויזענלאָך אַריין... — „גאָט האָט מיר גע־געבען חושים צו פיהלען און צו קענען די אונענדליכע גוטסקייט, די ערהאַבענע שענהייט פון זיין וועלט? פי!... דאָס רייצט־אויף די אומריינע תאוות”... — און דו פערמאַכסט דיינע אויגען, פער־שטאָפסט דיינע אויערען, דערשטיקסט אין דיין האַרצען די פעהיגקייט צו געניסען, מאַכסט דיך בלינד, טויב און אונפיהלענד. וואָלסטו חאָטש, אַמוועניגסטען, געוואָלט בלייבען אַ קריכעדיגער וואָרים, וועלכער לעבט און בעוועגט זיך!... ניין, דו געהסט אָבער נאָך וויטער: דו פערוואַנדעלסט דעם מענשען, וואָס גאָט האָט געשאַפען עהנליך צו זיך אַליין, אין אַ קאַלטען האַרטען

שטיין, אין אַ פּשוט שטיק בלאָטע, זיי מיר מוחל... איז דאָס דער גוטער וועג, וואָס די הייליגקייט האָט דיר אָנגעוויזען?...
חאַ-חאַ-חאַ!...

דער למד-וואָ'ניק.

גייסט פון פאַלשקייט און פון פערפיהרונג, דו ביזט אונווירדיג צו פיהלען דעם אֶמת'ן ווערטה פון די קָרבּנות, וואָס דער מענש איז מַקריב צו דער הייליגקייט! דו זעהסט אַלעס מיט אומרייניגע אויגען... גאָט אַליין אָבער קען מיין האַרץ. ער ווייס, אַז אויב איך האָב מיך ערווייטערט פון די פערגעניגענס, וואָס די שעפּפונג ענטהאַלט אין איהר שויס, איז עס נור דערפאַר, וואָס איך האָב דער הייליגקייט געוואָלט בלייבען אֵייביג טריי. דער גיהנום האָט פערשפּרייט אויף די בעסטע פּרוכט אַ שרעקליבען סַם, וואָס טויט אִי דעם קערפּער, אִי די נשמה...

דער שטן.

אַך, איך בעט דיך... רעדסט דאָך טאַקי פּשוט ווי אַ בַטלָן... מאַכסט פון דער גרויסער גאָטהייט אַ מין רַחֲמָנות'דיג בעשעפעניש, וואָס האַלט שטענדיג אין אֵיין וועלען און קאָן נעבעך קיינמאָל גאָרניט מאַכען... גאָט האָט געוואָלט, אַז דו זאָלסט געניסען פון דער וועלט; האָט אַנ'אַנדערער ניט געוואָלט, האָט יענער אויסגעפיהרט און ניט ער!... חאַ-חאַ-חאַ!... און דו ביזט געקומען און האָסט געגעבען דעם רבונו-של-עולם אַנ'עֵצה, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען?... פי!... ווען איך וואָלט געווען אַ גאָט, וואָלט איך דיר געוויזען, ווי אַזוי איך בעצאָהל פאַר אַזעלכע טובות...

דער למד-וואָ'ניק (ווי ערשטוינט).

גאָט האָט געוואָלט, אַז איך...

דער שטן.

לאָז, לאָז, איך בעט דיך. וואָס טויג דיר רעדען דומהייטען... גאָט האָט קיין פאַלשע שְבָחים ניט ליעב... ער פערלאַנגט, אַז דער, וואָס ליובט איהם, זאָל וויסען, פאַרוואָס ער ליובט

איהם... ער האָט דיר געגעבען אַ פֿערשטאַנד דאָס גוטע פֿון דעם שלעכטען אונטערצושיידען; דאַרפֿסטו לעבען, און מיט דעם פֿערשטאַנד דיך בענוצען. ווען ער וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט דיך בעגראָבען לעבעדיגערהייד אין אַ קֶבֶר, וואָלט ער זיך ניט געוועהן געגעבען די מיה דיך צו פֿערזאָרגען מיט אַזעלכע גרויסע אייגענשאַפֿטען. ער האָט געוואָלט, אַז זיינע ווערק זאָלען קענען זיין גרויסקייט, און זיין גרויסקייט קאָן דיר בעקאַנט זיין נור דענסטמאָל, ווען דו וועסט ניט ציטערן דיך צו דער שעפֿפֿונג אַ ביסעל נעהענטער צוצוקוקען... אָט וועל איך אַליין דיר ווייזען גאָטס אַ מייסטערווערק, פֿון וועלכען אַ נאַרישער פֿאָראורטייל האָט דיר ביז איצט געשטערט צו געניסען...

(אין הינטערגרונד זינקט די וואַנד איין, און עס לאָזט זיך זעהן אַ וואונ-דער-שענער גאָרטען. אונטער אַ בוים, אויף דער ערד, זיצט אָדָם, אַ נאַקעטער, זיינע לאַנגע שוואַרצע האָר בעדעקען זיינע שולטערן, ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטען, מאַכט מיט די הענד בעוועגונגען און זעהט-אויס זיך זעהר צו לאַנגווײַלען)

דער למד-וואָו'ניק:

וואָס ווייזטו מיר דאָ? אַ גאָרטען?... אַ נאַקעטער יונגערמאַן זיצט אונטער אַ בוים און זעהט-אויס זיך זעהר צו לאַנגווײַלען?...

דער שטן.

איך ווייז דיר דאָ דאָס מענשענקינד, ווי עס האָט אויס-געזעהן דאַן, ווען עס איז, ווי מען זאָגט, נור-וואָס פֿונ'ם אײַי אַרויס... זעה, ווי קלאָגעדיג דער קעניג פֿון דער ערד זעהט געבעך אויס אײַנער אַליין... די גאַנצע ערד און אַלץ, וואָס זי ענטהאַלט, סיי אין זיך, סיי איבער זיך, געהערען צו איהם, און פֿונדעסטוועגען — ווי פֿרעמד ער פֿיהלט זיך דאָ! ווי גלייכ-גילטיג יעדע זאַך איז איהם!... וואָס טויג איהם דאָס אײביגע לעבען, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען, ווען קיין שום פֿעסטער באַנד בינדט איהם צו דער ערד ניט צו?... דאָס געפֿיהל פֿון ליעבע איז איהם נאָך אונבעקאַנט, און דערפֿאַר ליעבט ער גאָר-ניט, און דערפֿאַר געניסט ער פֿון גאָרניט... ווי שען, ווי פּראַכט-פֿול דער גאָרטען איז!... ווי רייצענד, ווי ענטציקענד די בלומען זענען!... וואָס פֿאַר אַ קוויקענדיגע פּאַרפֿומען זיי פֿערשפּרייטען

אין דער לופט!... אויף איהם מאַכט עס אָבער דעם קלענסטען אײַנדרוק ניט. נעהם איהם, לעג איהם אַריין, זײַ מיר מוחל, אין אַ שטאַל אַריין, זעץ איהם אַרויף אויף דעם שפּיץ פון אַ טורם, וואַרף איהם אַריין אין אַ גרוב אַריין, וועט פאַר איהם זיין אײנס און דאָסזעלבע... (אָדם לעגט זיך אַוועק) אַט לעגט ער זיך גאָר שלאָפען... ער ווייזט אונז, אַז דער טויט איז איהם פיעל אָנגענעהמער, אײדער אַזאַ לעבען... שטעל דיר פאָר, אַז גאָט זאָל איהם אַפילו געווען שענקען טויזענד אײביג־לעבענדע חברים אַזעלכע ווי ער, וואָס פאַר אַ בענדער וואָלטען צוגעבונדען אײנעם צום צווייטען? יעדער בעזונדער וואָלט איבערגעלעבט דאָס, וואָס דער לעבט יעצט איבער, און וואָלט זיך אַלץ געפיהלט אַליין צווישען די טויזענד אַנדערע... (עס בעווייזט זיך אַ מַלְאָךְ, פיהרענדיג חַוָה'ן, אַ נאַקעטע, בײַ דער האַנד) אַט וועסטו זעהן עפּיס נײַעס...

דער מַלְאָךְ (פערשטעלענדיג חוה'ן מיט זײַנע פליגלען).

אָדָם! אָדָם!...

אָדָם (ערוואַכענדיג).

אַט בין איך!...

דער מלאך.

עס איז ניט גוט, אַז דער מענש זאָל זיין אַליין...

אָדם.

איך האָב געזוכט צווישען אַלע חיות, פוג׳ם פעלד, צווישען אַלע פויגעל, וואָס פליהען אונטער דעם הימעל, און האָב ניט געפונען אײן בעשעפעניש, וואָס זאָל זיין פאַסענד פאַר מיר.

דער מלאך.

דאָ ברענג איך דיר אַ וועזען, וואָס גאָט אַליין האָט פאַר דיר בעשאַפען...

אָדם (אָננעהמענדיג חוה׳ס האַנד).

יאָ, אַט דאָ זעה איך פלייש עהנליך צו מיין פלייש, און בײנער עהנליך צו מײַנע בײנער...

דער מלאך (צושפרייט די פליגלען און לעגט אַרויף די הענד אויף זייערע קעפּ).

פרוכטפּערט אייך, מעהרט אייך, בעהערשט די גאַנצע ערד און בעפּעלקערט זי!... געוועלטיגט איבער די פיש פון דעם ים! געוועלטיגט איבער די פויגעל פון אונטער דעם הימעל! געוועלטיגט איבער אַלץ, וואָס לעבט און בעוועגט זיך אויף דער ערד!...

(דער מלאך פערשווינדט. — אָדם געהמט־אַרום חוה׳ן און גיט איהר אַ קוש. זיי געהען לאַנגזאַם אָב)

דער שטן.

אַט האָט ענדליך דער רבונו־של־עולם זיך אַרומגעקוקט, אַז ער האָט אַ קליינעם טעות געהאַט. חאָטש ער האָט געפונען, אַז די שעפּפונג איז פאָלקאָם גוט, האָט זי דאָך, ווי עס שיינט, געקאָנט נאָך אַ ביסעל בעסער זיין. און ער האָט זי טאַקי באַלד אויסגעבעסערט. אַזוי איז שוין די געוועהנהייט פונ׳ם קינסטלער: ער לאָזט קיינמאָל ניט אַרויס פון זיינע הענד אַ ווערק, ווי גוט עס זאָל איהם ניט אויסזעהן, אַז ער זאָל ניט געפינען, זיך צו־קוקענדיג אַ ביסעלע בעסער, דערביי נאָך אַ שמיר, נאָך אַ גלעט צו טהון... פריהער איז דער מענש געווען אונשטערבליך, אָבער אַליין; יעצט איז ער אונשטערבליך און גוזעלשאַפטליך אין דער־זעלבער צייט. די ליעבע איז געבאָרען געוואָרען אויף דער וועלט און וועט ווערען דער אייזערנער באַנד, וועלכער וועט פון יעצט אָן און וויי ווייטער צובינדען דעם מענשען צו דעם מענשען, און די מענשהייט צו דער וועלט. אַט דאָס איז ווירקליך אַ מייסטער־ווערק, וואָס פערדיענט געשעצט צו ווערען... אָבער פאַרוואָס ביזטו פּלוצלינג אַזוי טרויעריג געוואָרען?

דער למד־ואו׳ניק (בעמערקענדיג אַ שלאַנג אַרומקריכען אויף אַ בוים).

איך זעה, ווי אַ גיפטיגע שלאַנג בעוועגט זיך אויף יענעם בוים און פער׳סמ׳ט אַלע זיינע פרוכט... אַט קריכט זי אַראָב אויף דער ערד און שפּרינגט נאָך דעם נייגעבאָרענעם פּאָר...

(עס ווערט פינסטער אין גאָרטען)

דער שטן.

וואָס? די ליעבע געפעלט דיר ניט?...

דער למד־וואו'ניק.

די ליעביע איז זעהר גוט. מיט איהר זענען אָבער געבאָרען געוואָרען דער האַס, די פאַלשקייט, די צושטערונג, דער טויט!...

דער שטן.

וויים איך, וואָס דו רעדסט דיר איין... האַס, פאַלשקייט, טויט! וואָס פאַר אַ טויט? איז דען דער מענש יעצט ווייניגער אונשטערבליך ווי פריהער? די נשמה לעבט אייביג, דער שטאָף לעבט אייביג. וואָס פאַר אַן אונטערשיעד איז עס, צי זיי זענען צוזאַמען, אָדער צוטיילט?...

דער למד־וואו'ניק.

גייסט פון פערפיהרונג! איך וויים, צו וואָס דו שטרעבסט. דו שטרעבסט צו דער צוטיילונג פון דער נשמה מיט דעם קערפער; דו שטרעבסט צו דער צושטערונג פון די פאָרמען; דו ווילסט מאַכען פון דער יעצטיגער וועלט דאָס, וואָס זי איז געווען איידער גאָט האָט זי בעשאַפען: אַ כאַאָס, אַ תוהו־ובוהו...

דער שטן.

דו האַלטסט מיך אַלזאָ, ווי איך זעה, פאַר געגנוג שעדליך פאַר דער גאָטהייט? חאַ־חאַ!... שענע יאָהרען דערלעבט: דער טייפעל לויבט דעם רבונו־של־עולם, און דער מענש לייקענט איהם אַלץ אָב! אונזערע ראָלען האָבען זיך געביטען, ווי איך זעה: יעצט בין איך דער מענש און דו דער טייפעל — חאַ־חאַ־חאַ!...

דער למד־וואו'ניק.

דו האָסט אַ גרויסען טעות. איך לייקען דער גאָטהייט קיין זאַך ניט אָב. זי איז געווען, זי איז און וועט תמיד בלייבען די פאָלקאָמענהייט אַליין. דו ביזט איהר קיינמאָל ניט שעדליך געווען און וועסט איהר קיינמאָל שעדליך ניט זיין; פאַר דעם מענשען ביזטו אָבער אימער געווען אַן אורזאַכע פון אונגליק!...

דער שטן.

ווי איז דאָס מעגליך, ווייבאַלד גאָט אַליין פיהרט דיך?

דער למד-וואו'ניק.

גאָט האָט דעם מענשען געלאָזט די פרייהייט און די עהרע זיך אַליין צו פערטיידיגען, און זעהר טרויעריג וועט זיין דיין לאַגע, ווען דער מענש וועט דיך בעזיעגען... (ער ווייזט איהם אָן אויף דער מוטער פון דער נאַכט) אָט מיט איהר וועט פאַלען אויף אייביג דיין גאַנצע טייפעלשע הערשאַפט!...

דער שטן.

זאָל זי פאַלען, דאָס מאַכט מיר ווייניג אויס. איך וועל מיך אויף יענער זייט ניט פיהלען ערגער ווי אויף דער זייט; איך פיהל מיך אומעטום גענוג בעקוועם: אויף דעם הימעל, אויף דער ערד, אין גן־עדן און אין גיהנום; איך האָב אומעטום אַ שענעם קבלת־פנים.

דער למד-וואו'ניק.

און פונדעסטוועגען אַרבייטסטו פאַר דעם גיהנום און ניט פאַר דעם גן-עדן!...

דער שטן.

האָסט אַ טעות! איך אַרבייט פאַר דעם מענשענס טובה ווענען. איך וויל, אַז דער מענש זאָל לעבען ווי גאָט האָט גע־באָטען... אַז ער זאָל האָבען דעם גן־עדן אי אויף דער ערד, אי אויפ'ן הימעל... אַלעס, וואָס גאָט פערלאַנגט, איז, אַז דער מענש זאָל געניסען און זאָל איהם דאַנקען... ווען דער מענש זאָל זיין אַ ביסעל קליגער, וואָלט ער מיך פיעל מעהר געשעצט, ווי ער שעצט מיך. איך פיהר איהם, ווי מען פיהרט אַ קינד ביי דער האַנד, שטעל איהם אָב אומעטום, וואו ס'איז פאַרהאַן עפּים צו געניסען, און ווייז עס איהם אָן... אָפטמאָל מוז איך מיר נאָך מיט איהם דאָס האַרץ אָבעסען, אַיידער ער פאָלגט מיך... איך ווייז איהם אויך אָן דאָס שלעכטע — און ראָט איהם עס אויסצומיידען... איך האָב ניט דאָס האַרץ צוצוזעהן, ווי יענער

גראָבט מיט זיינע אייגענע הענד פאַר זיך אַ קבר. אָט האָב איך דיך געזעהן געהן אין אַ קרומען וועג, לאָזט עס מיך ניט רוהען... און האָטש איך וויים, אַז דו ביזט איינגעשפּאַרט, און אַז מיינע רייד וועלען דיר אין איין אויער אריין און דורך דעם אַנדערען אַרויס, קאָן איך מיר פונדעסטוועגען ניט שטערען, דיר צו ראַטהען דעם אומזיסטיגען קאַמפּף דיינעם אויפצוהערען. דו וועסט אונגליקליך מאַכען אי דיך אַליין, אי די אַנדערע מענשען... דו דאַרפסט ניט פערגעסען, אַז קיין זאַך טהוט זיך ניט אָהן גאָטס ווילען, און אַז אַלעס, וואָס עקזיסטירט, האָט זיין בע־שטימטען צוועק, זיין נויטיגע ראָלע אין דער שעפּפונג... דאָס, וואָס דו רופסט שלעכטס, איז נויטיג, אום צו פיהלען דאָס, וואָס דו רופסט גוטס. פערניכט דאָס שלעכטס, וועסטו צושטערען די קאָנטראַסטען און פערוואַנדלען דעם מענשען אין אַנ׳איינפאַ־כען שטיין; דאָס הייסט: דו וועסט טהון פונקט דעם הפך פון דעם, וואָס גאָט האָט זיך פאָרגענומען, געבענדיג דעם מענשען די מעגליכקייט צו פיהלען און צו געניסען... אויב עס איז דיר אַ ביסעל שווער דאָס גוטע צו געפינען, בין איך גרייט דיר צו געבען די בעסטע עצות, דיר אָנצוווייזען די שענסטע קוועלען, וואו דו וועסט עס קאָנען שעפּען אָהן אויפהער. אָבער לאָז די מוטער פון דער נאַכט פריי, ווייל אָהן איהר איז אַ סוף אי צום גוטען, אי צום שלעכטען!...

דער למד־וואו׳ניק (מיט איראָניע).

איך דאַנק דיר זעהר פאַר דיינע עצות; איך וואָלט דיר אָבער ראַטהען צו זוכען אַזעלכען, וואָס קען דיך וועניגער פון מיר, פיליכט וואָלט ער זיי גיכער אויסגעהערט... איך קען דיך צו־גוט...

דער שטן.

ערלויב מיר נור דיר אָנצוווייזען איין זאַך, וועלכע קאָן דעם מענשען גליקליך מאַכען אָהן צופיעל מיה...

דער למד־וואו׳ניק.

ס׳איז ניט נויטיג... גיב דיר ניט קיין אומזיסטיגע מיה.

דער שטן.

דו ביזט דאָך פֿריי מיך צו פֿאָלגען אָדער ניט... ציטערסטו פֿיליכט, אַז איך זאָל דיך ניט פֿערפֿיהרען? אַזוי שוואַך פֿיהלסטו דיך?...

דער למד־וואו'ניק (מיט שטאָלץ).

איך ציטער?... פֿאַר דיר?... גייסט פֿון פֿערפֿיהרונג! ווייז, וואָס דו ווילסט, איך בין צו־מעכטיג פֿאַר דיינע קונצען מיך צו שרעקען!...

דער שטן (מיט אַ געלעכטער).

פֿונדעסטוועגען וואָלסטו אַזוי דרייסט ניט געווען, ווען עס זאָל זיך האַנדלען אין דיין לעבען...

דער למד־וואו'ניק.

וואָס הייסט?

דער שטן.

איך מיין, למשל, אַז ווען עס זאָל זיך מיר איינגעבען דיך צו פֿערפֿיהרען, זאָלסטו מוזען שטאַרבען...

דער למד־וואו'ניק.

שטאַרבען?...

דער שטן.

שטאַרבען... טאָמער פֿיהלסטו דיך צו־שוואַך, ראַט איך דיר...

דער למד־וואו'ניק (מיט אַ געוואַלטיגען שטאָלץ).

איך בין געווען אין גיהנום, צווישען די שדים, און האָב געלאַכט פֿון זייער קעניג, זאָל איך ציטערן פֿאַר אַ שקלאַף!?... ווייז, וואָס דו ווילסט!... די מוטער פֿון דער נאַכט איז אין מיינע הענד!... איך האָב געזיעגט און וועל זיעגען ווייטער אויך!...

דער שטן:

גוט! איך גלויב דיר אויף דיין וואָרט...

דער למד-ואו'ניק ;

זיי זיכער, אַז איך וועל עס האַלטען.

(עס דערהערט זיך פּלוצים אַ ליידענשאַפטליכע מוזיק. דער גאָרטען ווערט דאָזע בעלויכטען און מען בעמערקט אַ מאַסע יונגע נימפען און באַקכאַנטקעס, האַלב-נעקליידעט, איינינע מיט גאָלדענע וואַזעס אין די הענד און מיט טרויבענקרענץ אויף די קעפּ)

צוויי נימפען (זינגען).

און אויב, דו מענש, ווילסט גליקליך זיין,
פֿערגעסען אין דיין נויט,
ניט שרעקען פֿאַר קיין זאָרג, קיין פּיין,
ניט דענקען מעהר אין טויט, —
אַ קום, אַ קום אויף אונזער ברוסט,
דו ברויכסט קיין קאַמפּף, קיין קריעג!
אַ בעכער פֿול מיט ליעבעס-לוסט,
דאָס איז דער בעסטער זיעג!...

אַלע (טאַנצען און זינגען).

אַ קום, אַ קום אויף אונזער ברוסט,
דו ברויכסט קיין קאַמפּף, קיין קריעג!
אַ בעכער פֿול מיט ליעבעס-לוסט,
דאָס איז דער בעסטער זיעג!...

צוויי נימפען (זינגען):

ווען ס'פֿרעסט דער צווייפֿעל אויף דיין האַרץ
און מאַכט די צייט דיר לאַנג;
ווען אַלעס שיינט דיר טונקעל, שוואַרץ,
בעדעקט מיט טריב און באַנג;
ווען ס'שטאַרבט דיין האָפֿנונג גענצליך אָב,
דו גלויבסט ניט מעהר אין גליק, —
הויב-אויף, אָ מענש, צו אונז דיין קאָפּ
און וואַרף צו אונז אַ בליק!...

אַלע (טאַנצען און זינגען).

אָ קום, אָ קום אויף אונזער ברוסט! א. אַז. וו.

צוויי נימפען (זינגען).

בעהאַלט דיין קאָפּ אויף אונזער שויס,
אָ, ציטער פאַר קיין זינד!
די ליעבע היילט די ליידען אויס
און מאַכט פאַר ליידען בלינד!...
בעהאַלט דיין קאָפּ אויף אונזער שויס,
פערטרענק דיך אין גענוס!
דאַן זעהט די וועלט דיר רייצענד אויס
אַ וואַהרער ליעבעס־קוס...

אַלע (טאַנצען און זינגען).

אָ קום, אָ קום אויף אונזער ברוסט! א. אַז. וו.

צוויי באַקכאַנטקעס (זינגען).

און אויב דו פיהלסט דיך שוואַך און אַלט,
עס לעשט דיין זון זיך אויס,
עס יאָגט אַ הימעל בלייך און קאַלט
פון לעבען דיך אַרויס, —
דאַן קאָנסטו דאָך מיט גאָלדנעם וויין
דערוואַרימען דיין בלוט:
ער העלפט פערגעסען לייד און פיין,
צו ליעבען גיט ער מוט...

אַלע (טאַנצען און זינגען).

אָ קום, אָ קום אויף אונזער ברוסט! א. אַז. וו.

צוויי נימפען (זינגען).

די ליעבע שפייזט דאָך אַלין, וואָס לעבט
דאָ אויף דער ערדען־וועלט:
עס פיהלט און בענקט, עס זוכט און שטרעבט

אויך ס'בלימעלע אין פעלד.
און ליעבען ווער עס קען נור גוט,
דער לעבט און ווערט ניט מיעד;
ער שעפט אין דעם אי קראפט, אי מוט
און זינגט מיט אונז דאס ליעד!

אַלע (טאַנצען און זינגען).

אַ קום, אַ קום אויף אונזער ברוסט! א. אַז. וו.

צוויי באַקכאַנטקעס (זינגען).

דער ווײַן, ער ברענגט די יוגענד צ'ריק,
ער דאפעלט דעם גענוס...
ער פילט דאס הארץ מיט פרייד און גליק,
ער רופט דעם ליעבעס־קוס...
און ווער ס'דערטרענקט אין ווײַן זײַן נויט,
דער לעבט און ווערט ניט מיעד;
ער טראַכט שוין מעהר ניט פון קיין טויט
און זינגט מיט אונז דאס ליעד!

אַלע (טאַנצען און זינגען).

אַ קום, אַ קום אויף אונזער ברוסט,
דו ברויכסט קיין קאמפף, קיין קריעג!
אַ בעכער פול מיט ליעבעס־לוסט,
דאס איז דער בעסטער זיעג!...

(עס ווערט פינסטער אין גארטען. אַלע נימפען און באַקכאַנטקעס פער־שווינדען צווישען די בוימער.—דער למדן־יאָ'ניק בלייבט ווי פער'שכור'ט)

דער שטן (בעטראַכטענדיג איהם מיט אַ דורכדרינגענדען בליק).

איצט געה, זאג, אַז די וועלט איז ניט גוט אַזוי ווי זי איז, און אַז זי דארף דורכאויס זײַן אויסגעבעסערט! — פאַר יעדען ביסעלע לײַדען, וואס דער מענש בעגעגענט אין לעבען, איז פאַרהאַן טויזענדער פערגעניגענס, צווישען וועלכע עס פער־ליערט זיך ווי אַ טראָפּען וואַסער אין דעם ברייטען ים... אַט

האָסטו אַ קוועלע פֿון אונענדליכֿען גענוס, וועלכֿע דו האָסט גאָר ביז איצט ניט געקענט. האָסטו געזעהן, ווי גליקליך זיי האָבען געשמייכֿעלט? האָסטו געהערט, ווי געטליך זיי האָבען געזונגען? די פֿייערדיגע שטראַהלען, וואָס גיסען זיך פֿון זייערע אויגען, דרינגען אַריין אין יעדער נשמה און פֿילען זי אָן מיט אַנ׳אַייביגער גליקזעליגקייט...

דער למד=ואו׳ניק.

ווי קאָן מען געניסען, ווען די, וואָס פֿערשאַפֿען דעם גענוס, זענען די אומגליקליכֿסטע נפֿשות אין דער וועלט? דו האָסט געזעהן אַ גליקליכֿען שמייכֿעל אויף זייערע ליפּען, איך אָבער האָב דאָרט געלייענט אַ ביטערע קְלָלָה... דו האָסט זיי געהערט זינגען, פֿאַר מיינע אויערען אָבער האָבען געקלונגען פֿערצווייפֿעלטע, האַרצרייסענדע געשרייען פֿון פֿערוועהטאָגטע הערצער... דו האָסט געזעהן אַרויסשטראַהלען די גליקזעליגקייט פֿון זייערע אויגען, איך אָבער האָב דאָרט בעגעגענט דאָס פֿיעבער פֿון אַ נשָׁמה, וואָס ווערט אויפֿגעפֿרעסען פֿון חֲרָטָה... און אָט דאָס רופֿסטו פֿערגעניגען?... און אָט דאָס רופֿסטו אַ קוועלע פֿון אונענדליכֿען גענוס?... גייסט פֿון פֿערפֿיהרונג! (ער קעהרט זיך פֿון איהם אַוועק מיט פֿעראַכטונג)

דער שטן.

וואָס דען איז דאָס? אַ לייד? אַנ׳אונגליק? איז דען די ליעבע ניט די גרעסטע מַתָּנָה, וואָס גאָט האָט געקאָנט געבען דעם מענשען? איז דען די ליעבע ניט די אורזאַכֿע פֿון דער מענשליכֿער אייביגקייט?...

דער למד-ואו׳ניק.

די ליעבע איז געווען פֿאַר דעם מענשען אַ קוועלע פֿון אייביגקייט; דו האָסט אָבער די קוועלע פֿעראונרייניגט, האָסט זי פֿערוואַנדעלט אין אַ שרעקליכֿען גיפֿט, וואָס טויט אי דעם קערפּער, אי די נשָׁמָה! און ניט נור די ליעבע אַליין האָסטו פֿער־סמ׳ט, נאָר אַלץ, פֿון וואָס דער מענש האָט געקאָנט איב׳ם לעבען געניסען. יעדער גענוס איז אַ קוועלע פֿון נייע ליידען...

דער שטן.

אַ קוועלע פֿון איינגעבילדעטע ליידען, זיי מיר מוחל, איינגעבילדעטע ליידען...

דער למדן־וואו'ניק (מיט איראָניע).

איינגעבילדעטע ליידען...

דער שטן.

געוויס, געוויס... האָבען דען די מעהרצאָהל מענשליכע ליידען אַן'אַנדער אורזאַכע ווי די איינבילדונג? דער מענש האָט זיי זיך אַליין בעשאַפֿען דערמיט, וואָס ער וויל איינשלינגען די גאַנצע וועלט מיט אַמאָל, וועהרענד ער קאָן זי ערוועררבען ביסלעכווייז... אַלעס אינ'ם לעבען פֿאָדערט צייט. גאָט אַליין האָט זיך אויך געמוזט דער צייט אונטערוואַרפֿען און מעהרערע טעג אַרבייטען די וועלט צו בעשאַפֿען. אין ערשטען טאָג האָט ער בעשאַפֿען דאָס ליכט, אין צווייטען — עפּיס אַנדערש, און אַזוי ווייטער... וואָס טהוט אָבער דער מענש? אָנשטאָט צו געניסען היינט פֿון איין זאַך, מאָרגען פֿון אַ צווייטער און אַזוי איבערצוגעהן גראַדענווייז פֿון איין גענוס צום אַנדערען, — וויל ער אַלעס מיט איין מאָל איינשלינגען. ער ערנידעריגט און פֿער'מיאוס'ט אין זיינע אויגען אַלע איינציגע פֿערגעניגענס, ער לאָזט זיך פֿערטראָגען פֿון זיין נאַרישער גאוה, פֿון זיין ווילדער גייציגקייט, און יאָגט זיך נאָך עפּיס אַ מין פֿאַנטאַסטישעס וועזען, אַ כימערע, אַן'אידעאַל, וואָס ער האָט זיך אַליין בעשאַפֿען און וואָס פֿערמאָגט אין זיך ניט קיין ברעקעל ווירקליכקייט. אַרום אָט דער כימערע קאָנצענטרירט ער אַ גאַנצע וועלט מיט גליק, צו אָט דער כימערע איז ער מקריב אַלע אמת'ע פֿערגעניגענס פֿונ'ם לעבען און זאָגאַר דאָס לעבען אַליין. און אַזוי ווי די כימערע אַנטלויפֿט פֿון איהם אַלץ ווייטער און ווייטער און לאָזט זיך קיינמאָל ניט חאַפּען, ווערט ער אַ פּעסימיסט און פֿערשעלט אי גאָט, אי די וועלט, אי זיך אַליין... אָט ווילסטו אַליין יעצט אַ גאַנצע וועלט חרוב מאַכען צוליעב דיינער אַ נאַרישער פֿאַנטאַזיע...

דער למד־וואו׳ניק.

גייסט פון פערפיהרונג! ברענגען דיינע פער׳סמ׳טע פער־גענינעם מעהר צופריעדענהייט דעם מענשען? איז מעגליך פון זיי צו געניסען מיט א רוהיגען געוויסען? און צי רייסט זיך דען ניט ארויס א קללה פונ׳ם מויל ביי דעם יעניגען, וועלכער גיט זיך זיי איבער?...

דער שטן.

דאס איז דערפאר, וואס ער גיט זיך זיי קיינמאל ניט איבער מיט׳ן גאנצען הארצען. ער קוקט תמיד ווייטער ווי ער דארף. אזוי האנדלענדיג, וועסטו קיינמאל צופריעדען ניט זיין. אין געגענטייל, ווען דו בעגעגענסט עפים גוטעס אין לעבען, חאפ דיך אין דעם אן און לאז עס ניט ארויס, ביז דו וועסט עס ניט האבען אויסגעשעפט. שפעטער וועסטו קאנען געהן מיט א רוהיגען געוויסען זוכען עפים נייעס, — און קיין נייעס וועט דיר קיינמאל ניט פעהלען... (עס דערהערט זיך א טראמפעטען־מוזיק) אט וועסטו זעהן עפיט גאר שענעס.

(דער גארטען ווערט פלוצים צוריק בעלויכטען. מען בעמערקט צוויי גאלדענע שטוהלען. אויף איינעם זיצט א יונגערמאן, פאלקאמען עהנליך צום למד־וואו׳ניק, אנגעטהון אין אלט־יודישע קעניגליכע קליידער, א קרוין אויפ׳ן קאפ און א סצעפטער אין דער האנד. נעבען איהם, אויף דעם צווייטען שטוהל, זיצט א וואונדער־שענע יונגפרוי, אויך אנגעטהון אין קעניגליכע קליידער. פאר זייערע פיס, און אויף א געוויסער ווייטקייט, שטעהען א היבשע צאהל גרויסע הארען אויף די קניע און בוקען זיך פאר זיי)

דער למד־וואו׳ניק (דערשראקען)

גייסט פון פערפיהרונג! וואס ווייזטו מיר דא?... ווער איז יענער מענש, וואס זיצט דארט אויף דעם שטוהל?...

דער שטן.

דאס ביזטו אליין... איך ווייז דיר, ווי אזוי דו וועסט אויסזעהן, ווען דו וועסט שטעהן אין דעם צענטר פון אלע מענשליכע פערגעניגענס. איך ווייז דיר די פערווירקליכונג פון דער געטליכער ברכה: „פרוכטפערט אייך! מעהרט אייך! בע־הערשט די גאנצע ערד און בעפעלקערט זי!...“ (עס קומען־אן גאך

אַנדערע האַרען, מיט זעקלעך גאָלד אין די הענד. זיי וואַרפען זיך פאַר דעם קעניג אויף די קניע און שיטען-אויס דאָס גאָלד פאַר זיינע פיס) אָט האָסטו דיינע געטרייע קנעכט: זיי לעגען פאַר דיינע פיס זייערע פערמעגענס; זיי וועלען דיר מיט פערגעניגען שענקען זייער לעבען, ווען דו וועסט עס פערלאַנגען... זעה, ווי גליקליך יענער איז, ווען דו ווילגסט-איין אָנצונעהמען זיין מַתָּנה: עס איז לייכט צו זעהן, אַז ער האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע גליק, וואָס ער האָט אין זיין לעבען גע'חָלום'ט...

(עס בעווייזען זיך אַ גרויסע צאָהל בעטלער: מענער, פרויען און קינדער, אין אָבגעריסענע קליידער. צווישען זיי — קרומע, בלינדע, הויקערדיגע. אייניגע הוסטען, אַנדערע קרעכצען, קינדער וויינען. זיי שטעלען זיך אָב פאַר דעם קעניג, וואַרפען זיך צו זיינע פיס און הויבען צו איהם אויף די הענד מיט געבעט)

דער למד=ואו'ניק (שפרינגט-צוריק דערשראָקען).

גאָט! ווער זענען די אונגליקליכע נפָשות, וואָס איך זעה? וואָס פאַר אַנ'עלענד!...

דער שטן.

אונגליקליכע נפָשות!? חאַ-חאַ! רעד ניט קיין נאַרישקייטען. זיי שטרעבען אויך צום גליק. זייער גאַנצער אידעאַל אין לעבען איז געווען זוכה-זיין אָנצוקוקען אַ קעניג מיט זייערע אייגענע אויגען. זעה, ווי צופריעדען, ווי גליקליך זיי זעהען יעצט אויס... (דער קעניג מיט דער קעניגין געהען אַראָב פון זייערע שטוהלען און טיילען די בעטלער גאָלד) אָט יעצט ביזטו עהנליך צו גאָט!... גאָט זיצט אויף דעם הימעל און טיילט מיט אַ פרייגעביגער האַנד לעבען יעדען בעשעפעניש; דו זיצסט אויף דער ערד, און טהוסט דאָסזעלבע... וויפיעל גליקליכע דו מאַכסט יעצט!... זעה, זעה, אַלע שטראַהלען זיי פון פערגעניגען!...

דער למד=ואו'ניק.

גייסט פון פערפיהרונג! אויך דער פערגעניגען דיינער לאָזט מיך קאַלט ווי אייז!...

דער שטן (כלומר'שט ערשטוינט).

וואָס? דו ווילסט קיין קעניג אויך ניט זיין?!...

דער למד־וואו'ניק.

קאָן דיין קעניג זיך אַליין זעהענדיג מאַכען, ווען ער איז בלינד? קאָן ער אַראָבּרייסען דעם שלייער פון אַלע סודות? קאָן ער זיין אייגען האַרץ גאַנץ מאַכען, ווען עס בלוטעט? טרינקט ער קיינמאָל ניט זיינע אייגענע טרערען אין דער שטיל? האָפּט ער ניט? בענקט ער ניט? ציטערט ער ניט פאַר דער פאַלשקייט? זעהט ער תּמיד דעם אֱמֶת פָּנים־אֶל־פָּנים? גייסט פון פערפיהרונג! ניין, איך וויל קיין קעניג ניט זיין!... (צום פעלד־שטיין) איז נאָך ניט צייט פון דאַנען אַרויסצוגעהן?

דער פעלד־שטיין.

דער האָן האָט נאָך ניט געקרעהעט. עס איז נאָך אַלץ געפעהרליך דעם טונעל דורכצוגעהן... זיי רוהיג: ווען דער גינסטיגער מאָמענט וועט קומען, וועל איך דיר עס צו וויסען געבען...

דער למד־וואו'ניק.

גוט, הער דיך צו מיט אויפמערקזאַמקייט. ביים ערשטען קרעה פון'ם האָן, געהען מיר פון דאַנען אַוועק. (צום שטן) און דיר, גייסט פון פערפיהרונג, בעפעהל איך, מיך וואָס שנעלער צו פערלאָזען! איך בין שוין מיעד צו הערען דיינע פאַלשע פערפיהרערישע עצות. דו האָסט אַלעס געוויזען, האָסט גאָרניט אויסגעפיהרט: דאָס שפּיעל איז געענדיגט!

דער שטן.

זיי מיר מוחל, דו האָסט פערגעסען, אַז מיר האָבען קיין צייט ניט בעשטימט...

דער למד־וואו'ניק.

אויב אַזוי, האָב איך דאָך דאָס רעכט דיך אַוועקצושיקען, ווען איך וויל...

דער שטן.

ניין. דו האָסט געגעבען דיין וואָרט צו זעהן אַלעס, וואָס איך וועל דיר ווייזען.

דער למד־װאָ'ניק.

האָסטו נאָך ניט געװיזען אַלעס, װאָס דו האָסט געקאָנט?

דער שטן.

ניין, איך האָב דיר נאָך איין זאַך צו װײזען און דו מוזט זי זעהן.

דער למד־װאָ'ניק.

גוט. װײז, װאָס דו קאָנסט. איך װעל האַלטען מיין װאָרט; אָבער איך װעל דיך אויך צװינגען צו האַלטען דיינס. דו זאָגסט, אַז דאָס איז די לעצטע זאַך, װאָס דו האָסט מיר צו װײזען?

דער שטן.

די לעצטע און די העכסטע פֿאַר אַזאַ מענשען װי דו. איך װעל דיר װײזען, אַז אויב דו ביזט יעצט אַזוי גרויס און מעכטיג, האָסטו עס נור מיר צו פֿערדאַנקען און ניט קיין אַנדערען.

דער למד־װאָ'ניק (מיט אַן איראָנישען שמייכעל).

אָט איצט, אַמװעניגסטענס, װייזטו דיך װי דו ביזט אין דער װירקליכקייט: אַ װעזען, געװעבט פֿון ליגען און פֿאַלשקייט...

דער שטן.

דו װעסט דיך אַליין איבערציינגען, אַז דאָס, װאָס איך זאָג, איז דער ריינער אֱמֶת...

דער למד־װאָ'ניק.

דו ביזט אונװירדיג אַפֿילו דאָס װאָרט „אמת" אַרויסצורעדען!... דיר דאַנקבאַר זיין פֿאַר מיין יעצטיגער מאַכט! די הייליגקייט פֿיהרט מיך, די הייליגקייט שיצט מיך — און דו ביזט מיין גרעסטער שׂוֹנא!..

דער שטן.

דאָס איז דיינער אַנ'אַלטער טָעות. האָט דיר די היילינגקייט ניט פערבאָטען צו עסען פון געוויסע פרוכט? וואָס וואָלסטו אָהן זיי געוועז? דו בעשולדיגסט אונז, אַז מיר האָבען דיך בלינד געמאַכט, ווערענד דער, וועלכען דו פערגעטערסט מיט אַזוי פיעל פייער, האָט דיך בעשאַפען בלינד און האָט געוואָלט, אַז בלינד זאָלסטו אייביג בלייבען!...

דער למד־וואו'ניק (מיט כעס).

שווייג!... וואַג ניט צו לעסטערן די היילינגקייט!

דער שטן.

מיר ביזטו שולדיג דאָס ליכט פון דיינע אויגען!...

דער למד־וואו'ניק.

דיר בין איך שולדיג דעם טויט!...

דער שטן.

דעם טויט ביזטו שולדיג גאָט אַליין, זיין בלוטדורשטיגער ראַכע!...

דער למד־וואו'ניק (ציטערנדיג פון אויפרעגונג).

שווייג!...

דער שטן.

ער האָט מורא געהאַט, אַז דו זאָלסט ניט זיין גלייך צו איהם...

דער למד־וואו'ניק (אַפּאַרט).

גאָט!...

דער שטן.

און דערפאַר האָט ער ביי דיר די אייביגקייט גערויבט!... מיר האָבען פאַר דיר אונזער לעבען איינגעשטעלט, און די קללה,

וואָס זיין בלוטיגע קנאה האָט אויף דיר געוואָרפען, איז אויך אויף אונז געפאַלען! איז דאָס די דאַנקבאַרקייט, וואָס דו פיהלסט פאַר אונז?... איז דאָס דיין גערעכטיגקייט? האסען די, וואָס האָבען דיך געמאַכט פאַר אַ גאָט, און פערגעטערן דעם, וואָס האָט געוואָלט, אַז דו זאָלסט בלייבען אַ קריכעדיגער וואָרים?...

דער למד=ואו'ניק (מיט שרעקליכער איפּרעגונג).

שווייג, זאָג איך דיר!... שווייג!...

(דער גאָרטען ווערט צוריק בעלויכטען. מען בעמערקט אַ שענעם בלומענ־פלאַץ. פונקט אין דער מיט — צוויי בוימער: דער „עֵץ־הַחַיִּים" און דער „עֵץ־הַדַּעַת"; דער ערשטער — אַ לאָרבערבוים, דער צווייטער — אַן'עפּעלבוים, אויף וועל־כען די פרוכט אונטערשיידען זיך גאַנץ דייטליך פון די בלעטער. די שלאַנג העננט אויף אַ צווייג פון דעם עפּעלבוים)

דער שטן (ווייזענדיג אויף דער שלאַנג).

זעה — אָט וועמען דו ביזט שולדיג דאָס ליכט פון דיינע אויגען!...

(עס בעווייזט זיך אַ מלאָך)

דער מַלְאָךְ.

אָדם! אָדם! וואו ביזטו?...

(אָדם און חַוָּה, אַרומגעגורט מיט גאַרטלען פון פייגענבלעטער בעווייזען זיך)

אָדָם.

איך האָב דיין שטימע אין גאָרטען געהערט, און האָב מורא געקריגען. איך בין נאַקעט, און דערפאַר האָב איך מיך בעהאַלטען...

דער מלאָך.

און ווער האָט דיר געזאָגט, אַז דו ביזט נאַקעט? צי האָסטו נים אַמאָל געגעסען פון די פרוכט, וואָס גאָט האָט דיר פערבאָטען?

אָדם.

די פרוי, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט, האָט מיר געגע־בען פון די פרוכט פון דעם בוים, און איך האָב געגעסען...

דער מלאָך (צו חוה'ן).

און פאַרוואָס האָסטו דאָס געטהון?

חַוָּה.

די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט, און איך האָב געגעסען...

דער מלאָך (צו דער שלאַנג).

און דו, שלאַנג, ווייל דו האָסט געטהון אַזאַ זאַך, פערשאָלטען זאָלסטו זיין צווישען אַלע בעשעפּענישען! אויף דיין בויך זאָלסטו קריכען, און עסען זאָלסטו שטויב דיין גאַנץ לעבען!...

דער שטן (שטילערהייד צום למד-וואו'ניק).

זעה, ווער עס איז די אורזאַכע פון קללות אויף דער וועלט!...

דער מלאָך (פאָרטזעצענדיג).

אַנ'איבּיגער האַס זאָל עקזיסטירען צווישען דיר און צווישען דער פרוי, צווישען דיינע קינדער און צווישען איהרע!...

דער שטן (שטילערהייד צום למד-וואו'ניק).

זעה, ווער עס איז די אורזאַכע פון האַס אויף דער וועלט!...

דער מלאָך (צו חוה'ן).

און דו, פרוי, דו זאָלסט האָבען די גרעסטע טייל ליידען אין דעם לעבען! מיט וועהטאָג זאָלסטו טראָגען דיינע קינדער, מיט וועהטאָג זאָלסטו זיי געבאָרען; און בענקען זאָלסטו שטענדיג צו דיין מאַן, און ער זאָל געוועלטיגען איבער דיר!

דער שטן (שטילערהייד צום למד-וואו'ניק).

זעה, ווער עס איז די אורזאַכע פון ליידען אויף דער וועלט!... זעה, ווער עס איז די אורזאַכע פון שקלאַפעריי אויף דער וועלט!...

דער מלאך (צו אָדמ'ן).

ון דו, אָדם, ווייל דו האָסט דיך געלאָזט איבערעדען פֿון דיין פֿרוי און האָסט געגעסען פֿון די פֿערבאָטענע פֿרוכט, פֿערשאָלטען זאָל זיין, צו ליעב דיר, די גאַנצע ערד! מיט שווערער מיה זאָלסטו דיך פֿון איהר ערנעהרען דיין גאַנץ לעבען! זי וועט דיר אָפֿטמאָל אַרויסגעבען שטאַכלען און דערנער און דו וועסט גענויט זיין צו עסען דאָס גראָז פֿונ'ם פֿעלד מיט אַלע חיות צוגלייך! מיט'ן שוויים פֿון דיין שטערן זאָלסטו עסען דיין שטיקעל ברויט ביז אין דיין טויט אַריין! פֿון שטויב קומסטו אַרויס, און צום שטויב וועסטו צוריקקעהרען!... (אָדם און חוה בעהאַלטען זייערע פּנים'ער אין זייערע הענד און וויינען) פֿון יעצט אָן און ווייטער טאָרט איהר דאָ ניט מעהר פֿערבלייבען! די גאַנצע ערד איז פֿאַר אַייך פֿריי — געהט פֿון דאַנען!... (אָדם און חוה וואַרפֿען זיך אויף די קניע און שטרעקען־אוים צו איהם די הענד מיט געבעט) אומזיסט אַייער בעטען! איהר טאָרט דאָ לענגער ניט בלייבען! געהט פֿון דאַנען!... (ער וויזט זיי דעם וועג, אָדם נעהמט־אָן חוה'ן ביי דער האַנד און זיי געהען איהםביידע נאָך. אין גאָרטען ווערט פֿינסטער)

דער שטן.

ער יאָגט זיי אַרויס, ווייל ער האָט מורא, אַז זיי זאָלע ניט עסען אויך פֿונ'ם עץ־החיים, און זאָלען ניט לעבען אייביג!..

דער למד־וואָו'ניק (פֿערצווייפֿעלט).

גאָט! וואָס טהוט זיך מיט מיר?...

דער שטן.

אָט יעצט קענסטו דיין אמת'ען שונא, און דו וועסט וויסען, מיט וועמען צו קעמפֿפֿען...

דער למד־וואָו'ניק (ציטערנדיג פֿון וועהטאָג).

קעמפֿפֿען מיט גאָט!?...

דער שטן.

מיט דעם שעפּפער פון האַס און שקלאַפעריי, מיט דעם שעפּפער פון גרויזאַמער קנאה, מיט דעם שעפּפער פונ'ם גאַנצען וועלט-שמערץ!

דער למד-וואָ'ניק (שטרעקענדיג צום שטן די פויסטען).

שווייג, דו אומרייניגע בריאה! וואָג ניט צו רויבען מיין היילינקייט!...

דער שטן.

און דו רופסט היילינקייט די קראַפט, וואָס האָט געוואָלט, אַז דו זאָלסט בלייבען אייביג בלינד? און דו רופסט היילינקייט די קראַפט, וואָס האָט אויף דיר געוואָרפען אַן אייביגע קללה, וואָס האָט דיך פער'משפּט אייביג צו ליידען און צו פרעסען, ווי אַ חיה, דאָס גראָז פונ'ם פעלד, דערפאַר, וואָס זי האָט מורא געהאַט, אַז דו זאָלסט ניט זיין גלייך צו איהר!?

דער למד-וואָ'ניק (מיט קאָנוואולסיווע בעוועגונגען און מיט אַ וויינענדיגער שטימע).

ניין, איך וויל דיינע ווערטער ניט הערען!... דיין צונג איז פול מיט פאַלשקייט און מיט פערפיהרונג!... אַוועק פון מיר, דו פערשאָלטענער גייסט!... אַוועק!...אַוועק!...

(מען הערט אַ האָן קרעהען)

דער פעלד-שטיין.

קום, געשווינד!... ס'איז צייט צו געהן. דער האָן האָט שוין געקרעהעט...

דער למד-וואָ'ניק (צום שטן, אויסער-זיך).

אַוועק פון מיר, דו אומרייניגער גייסט!... אַוועק!... וואָג ניט צו לעסטערן מיין היילינקייט!... (ער דראָהעט איהם מיט'ן ספר-תורה'לע)

דער שטן (צוריקשפּרינגענדיג).

דו קעמפּפסט געגען דיר אַליין, אומגליקליך בלינד מענשענ-קינד!...

דער פעלד־שטיין.

גשווינד!... קום, עס וועט שוין באַלד זיין צו־שפעט!...
(ער און לילית לויפען אָב דורך דעם טונעל רעכטס)

דער למד־ואו'ניק (ווי משוגע).

איך געה!... היט די מוטער פון דער נאַכט!... איך געה!
(ער לויפט זיי בּיידע נאָך און פון איבּעראַשונג פערליערט ער דאָס ספר־תורה'לע)

דער שטן (מיט אַ געלעכטער).

חאַ־חאַ־חאַ!... איצט מעגסטו דיר שוין געהן... דער פונק איז אָנגעצונדען. עס וועט דיר אַזוי גרינג ניט אָנקומען איהם אויסצולעשען... (בּעמערקענדיג דאָס ספר־תורה'לע, געהט ער צו נאַנץ נאָהענט) אַהאַ! איצט ליעגסטו אויף דער ערד!... דיין כח איז אַוועקגענומען, און איך מעג דיך שוין אויך אָנריהרען... (ער הויבּט עס אויף און קוקט דערין אַריין) און געה שטעל דיר פאָר, אַז אַ קעלבּערנע פעל זאָל האָבּען אַזאַ מעכטיגע ווירקונג אויף אַ מענשליכער נשמה און האַלטען דעם טייפעל אָפּטמאָל אויף אַ מייל די וויט! חאַ־חאַ־חאַ!... (ער וואַרפט עס אַוועק און געהט אָב דורך דעם טונעל לינקס)

(פאָרהאַנג)

פינפטער טייל.

א טייך הינטער דער שטאָדט. א ברייטער וועג, וועלכער ציהט זיך די לענג פון דעם ערשטען ברעג, רעכטס און לינקס. דאָ און דאָרט, נעבען דעם וועג, עטליכע אײנזאַמע בוימער. אין ערשטען פּלאַן, רעכטס — דעם למד־װאָו'ניקס הייזעלע מיט שטרוי געדעקט. פאַר דעם הייזעלע — א גרויסער דעמבאָווער בוים, פון וועלכען די אָראַבגעפאַלענע געלע בלעטער ליעגען אויף דער ערד. נעבען דעם בוים אַ גרויסער שטיין. אויף דער צווייטער זייט טייך בעמערקט מען פון גאַנץ ווייט, אויף אַ נע־ וויסער הויכקייט, די שטאָדט, וועלכע איז ערטערהייז בעלויכטען און שפּיגעלט אָב איהרע פייערלעך אין דעם שוואַרצען וואַסער. ס'איז א פינסטערע הערבסט־נאַכט. דער ווינד פייפט טרויעריג. עס רעגענט, עס דונערט און עס בליצט.

למך (קומט פון דעם וועג לינקס און געהט צו דעם הייזעלע).

שוין לאַנגע יאָהרען אַזעלכע שרעקליכע פינסטערע נעכט ניט געוועזן... דונערט, בליצט, רעגענט, וועלטען קעהרט עס איבער. ס'האָט זיך אַ ודאי אַ מכשפה אויפגעהאַנגען... (ער געהט־ צו צו די פענסטער פון דעם הייזעלע און קלאַפּט אָן) שטיל, קיינער ענט־ פערט ניט... שוין פיערציג טעג, אַז ער איז פון דער היים אַוועקגעגאַנגען, און ער קומט ניט צוריק... ווער ווייס, וואָס מיט איהם האָט זיך געטראָפען!... אוף! אוף! אוף! שלעכטע צייטען קומען אָן... (ער זעצט זיך אַנידער אויפ'ן שטיין אונטער'ן בוים)

דער משוגע'נער פּאָעט (פון גאַנץ ווייט, זינגענדיג).

און עס דונערט, און עס בליצט, און די פויגעלעך אַנטלױ־ פען... און די יונגפרוי טרוימט... איהר געליעבטער ליעגט פאַר

איהרע פּים און זינגט צו איהר שירה... קינדערלעך ווערען גע־בארען, קינדערלעך ווערען פערלארען — און די וועלט וויינט...

למך (צו זיך אליין).

ער האט מיר פונדעסטוועגען געזאגט, אז דעם פיערציגסטען טאג וועט ער זיין צוריק. ס'איז שוין דער פיערציגסטער טאג ביינאכט, און ער איז נאך ניט געקומען. (געהט ווידער צו און קוקט אריין דורך די פענסטער)

דער משוגע'נער פּאעט (פון ווייטען, זינגענדיג).

און דער ווינד בלאזט און פייפט שויערליך דורך די פעל־דער... די בלעטער פאלען אראב, און קיין בלומען איז ניט צו געפינען, ניט אויף דעם הימעל, ניט אויף דער ערד...

למך (קוקענדיג אין פענסטער אריין).

פונדעסטוועגען דאכט זיך מיר, אז איך זעה דארט עמיצען. ניט איינעם, נאר צוויי.. (ער שפּרינגט אב דערשראקען) נאט! זייערע אויגען ברענען ווי גרויסע קוילען פייער!... און זייערע קערפּערס זענען שווארץ ווי די נאכט... ביי איינעם גיסען זיך שטרוימען בלוט פון די אויגען...

א שטימע פונ'ם הייזעלע.

ארים מענשענקינד!... ווילסטו גליקליך זיין? עפען אונז אויף די טהיר!

למך.

ווער זענט איהר?

די שטימע.

א נארישער מוח האט אונז דא פערשלאסען און האט די גאנצע וועלט אומגליקליך געמאכט!...

למך.

איך בין ניט דער בעל־הבית פון דעם הויז און איך קאן מיר ניט ערלויבען אויפצורייסען א פרעמדע טהיר...

אַ בלינדער בעטלער (שפּילט אויף אַ גיטאַרע און זינגט).

מענשען גוטע, האָט רַחמָנות!
און דערפאַר זאָל גאָט אייך בענשען:
איהר זאָלט פון קיין גויט ניט וויסען
און ניט דאַרפען צו קיין מענשען!

די שטימע פונ'ם הייזעלע.

אומגליקליך מענשענקינד! אויב דיין לעבען איז דיר טייער, שטויס ניט אַוועק דאָס גליק מיט דיינע אייגענע הענד!...

למך (דערשראָקען).

ווער זענט איהר?

די שטימע.

די הערשער פון די, וואָס טהוען אונז שלעכטס, און די שקלאַפען פון די, וואָס טהוען אונז גוטס...

אַ צווייטע שטימע פונ'ם הייזעלע.

איך מאַך מיאוס דאָס שענע און שען דאָס מיאוס'ע; ליכטיג דאָס פינסטערע און פינסטער דאָס ליכטיגע; גליקליך דעם אומגליקליכען און אומגליקליך דעם גליקליכסטען.

למך.

ווער זענט איהר?

די שטימע.

מיינע הענד זענען פול אוצרות אָהן אַ צאָהל!...

דער בעטלער.

מענשען גוטע, האָט רַחמָנות!
אַ נדָבה קאָנט איהר געבען.
כ'האָב מיין אויגענליכט פערלאָרען
אין מלחָמות פאַר דעם לעבען...

דער משוגע׳נער פּאָעט (בעווייזט זיך. — צום בעטלער).

גליקליך איז דער מענש, וואָס קאָן בויגען זיין רוקען און בלייבען תּמיד גלייך! דער בוים שטעלט זיך געגען, ווערט ער אויסגעריסען מיט די וואָרצלען, מיט אַלעמען, און די מענשען מאַכען פון איהם אַ פייער און וואַרימען זיך, ווען עס איז זיי קאַלט...

דער בעטלער.

מענשען גוטע, האָט רחמנות!
ס׳שטעהט פאַר אייך אַ מענש אַ בלינדער!
שענקט נדבות, שענקט מתּנות!
כ׳בין קיין רשע, כ׳בין קיין זינדער!...

דער משוגע׳נער פּאָעט:

נאַרישער מענש! דו דאַרפסט עס אונז ניט זאָגען. מיר ווייסען דאָס אַליין אויך גוט. דיינע אויגען זענען פערמאַכט ווי ביי אַ טויטען, און אַ טויטער זינדיגט ניט מעהר... האַ־האַ! „אַלץ איז אַמבעסטען אין דער בעסטער פון אַלע וועלטען!״ לייבניץ אַליין האָט עס מיר געזאָגט... (בעמערקענדיג למך׳ן) עה! עה! וואָס שטעהסטו עפּיס מיט די הענד אין די קעשענעס? ביזטו אַ שומר, דאַן קלאַפּ מיט אַ שטעקען און שריי: סלו־שיי!... סלו־שיי!...

למך.

דאָ זענען פאַרהאַן צוויי שדים...

דער משוגע׳נער פּאָעט.

האַ־האַ־האַ! אַ נייעס ביזטו געוואָהר געוואָרען! אַלטער נאַר, ווייסטו דען ניט, אַז אַלע מענשען זענען שדים און אַז אַלע שדים זענען מענשען? די צייטען האָבען זיך שוין לאַנג געביטען. דער הימעל איז פינסטער בייטאָג און ליכטיג ביינאַכט...
(ער געהט־צו צום פענסטער פונ׳ם הייזעלע און קוקט אַריין)

למך (האַפּט איהם אָן ביי די הענד).

זיי געוואָרענט, זאָלסט ניט אויפמאַכען, זיי קאָנען אַרויס און אונז בייז טהון.

דער משוגע'נער פּאָעט (רייסט זיך אַרויס).

לאָז, לאָז, איך ווייס ווי אַזוי מיט זיי צו האַנדלען. זעה נור, ווי יענער וויינט נעבעך מיט בלוטיגע טרעהרען...

אַ שטימע פון'ם הייזעלע.

אָרים מענשענקינד, ווילסטו גליקליך זיין, עפען אונז אויף די טהיר!

דער משוגע'נער פּאָעט.

קאָנסטו לעבעדיג מאַכען מיין געליעבטע?

די שטימע.

יאָ.

דער משוגע'נער פּאָעט.

ווי רופט מען דיך?

די שטימע.

מען רופט מיך דער גייסט פון די קאָשמאַרען; איך קען אָבער אויך וועבען די גליקליכסטע חלומות...

דער משוגע'נער פּאָעט.

וואָס דאַרף דען דער מענש מעהר, ווי אַ גליקליכען חלום? איז דען דאָס גאַנצע לעבען עפּיס אַנדערש, ווי אַ חלום!... ווועסטו מיר אָבגעבען מיין געליעבטע?...

די שטימע.

נאָך פיעל שענער ווי זי איז געווען!...

דער משוגע'נער פּאָעט.

אויב אַזוי, צו וואָס זאָלט איהר ליעגען אין אַ קערקער פערשלאָסען, גייסטער פון גליקזעליגקייט? וואָס פאַר אַ ווערטה וואָלט דאָס מענשענקינד אָהן אייך געהאַט? צי איז דען דאָס מענשליכע גליק עפּיס אַנדערש ווי אַ שווינד-ליכטעלע, וואָס טאַנצט אַ זיג-זאַג און פערפיהרט אין אַ זומפּ אַריין דעם יעניגען, וואָס לויפט עס נאָך?... זייט פריי, איהר גייסטער פון גליקזעליגקייט! זייט פריי און פערשפּרייט אייער בלוי ליכט אויף דער גאַנצער וועלט! ס'איז טויזענד מאָל בעסער אַ גליקליכער חלום, איידער אַ טרויעריגער אֱמֶת!... (ער ברעכט-אויס אַ פענסטער)

למך (מיט שרעק).

וואָס טהוסטו, משוגע'נער!... (ער פרובט איהם אָפּצוהאַלטען פון פענסטער)

דער משוגענער פּאָעט (זיך אַרויסרייסענדיג).

משוגע און פערקרימט איז געוועזען דער מוח פון יענע, וואָס האָבען די פאַנטאַזיע אין אַ קערקער פערשלאָסען! קלוג זענען נור די, וואָס מאַכען איהרע פליגעל פריי!... (ער ברעכט-אויס דאָס צווייטע פענסטער) גייסט פון קאָשמאַרען! די גאַנצע וועלט איז פאַר דיר אָפען!... קום אַרויס און מאַך גליקליך דאָס אָרימע מענשענקינד ווייניגסטענס אויף אַ מאָמענט!...

(דער קאָשמאַרענגייסט שפּריננט אַרויס דורך אַ פענסטער. — די דונערען און בליצען הערען-אויף. די גאַנצע אומגעגענד ווערט בלוי בעלויכטען)

דער בעטלער.

מיינע אויגען האָבען זיך געעפענט און איך זעה דאָס ליכט!... איך פיהל מיך ווי ניי-געבאָרען!...

למך.

נייע קרעפטען עפּיס פליסען אין מיינע אָדערען! אַלץ פרעהט זיך אַרום מיר; איך פיהל מיך יונג און שטאַרק, ווי אין די אַלטע צייטען!...

דער משוגע׳נער פּאָעט.

די נאַכט איז פערשוואונדען! אַ זאַנפטע ליכטיגקייט צוגיסט זיך איבעראַל... ווי שען די פויגעלעך זינגען! די בלומען פער־שפּרייטען געטליכע פּאַרפומען און דערקוויקען מיין צובראָכענע נשמה!... אָבער, גייסט פון גליקזעליגקייט! וואו איז מיין גע־ליעבטע? איך זעה זי נישט!...

דער גייסט (אנטלויפענדיג).

קעהר־אום דיין פּנים צו דער שטאָדט און דו וועסט זעהן דאָס, וואָס דיין האַרץ בעגעהרט!

(עס הויבט זיך אויף פונ׳ם וואַסער אין מיטען דעם טייך די געשטאַלט פון אַ בילד־שענער יונגפרוי, איינגעהילט אין אַ ווייסען מאַנטעל. אַרום איהר שווימען פיעל אַנדערע פרויען־געשטאַלטען)

דער משוגע׳נער פּאָעט.

איך זעה זי!... מיין נשמה איז פון טויט צוריק לעבעדיג געוואָרען!... איך זעה זי!... טויזענד מאָל שענער, ווי פריהער!... איך זעה זי!... (ער לויפט אַריין אין טייך אַריין און די אַנדערע לויפען איהם נאָך)

דער בעטלער.

איך זעה מיין פרוי מיט מיינע קינדער!...

למך.

מיינע געשטאָרבענע קינדער זענען לעבעדיג געוואָרען!...

(די געשפענסטער פערשווינדען אין וואַסער אַריין און די דריי מענער מיט זיי. — עס ווערט צוריק פינסטער. — עס קומט־אָן די אַלטע כשופ׳טע מיט אַ גאַנצער מחנה שדות אין שוואַרצע שלייערס, מיט קעטען אויף די הענד און אויף די פיס)

די כשופ׳טע (מיט בייזקייט און הוסטענדיג פון צייט צו צייט).

רינגעלט מיך אַרום פון אַלע זייטען און מאַכט אַרום מיר אַ פער׳כשופ׳טען קרייז, וואָס קיין שום בעשעפעניש פון בלוט און פלייש, חוץ מיר, זאָל ניט קאָנען דורכברעכען! (אַלע שדות רינגלען זי אַרום) אָט אַזוי. יעצט וועל איך מיט אייך קאָנען רעדען מיט

פאָלקאָמענער זיכערהייט. לאָזט אַראָב יעדע פון אייך איהר גראָ־בען פינגער צו דער ערד און הערט־אוים די שבועה, וואָס איך וואַרף אויף אייך אַרויף. (די שדות טהוען, וואָס זי הייסט) ביים פייער און פלאַם פון די שִבְעָה מדורי גיהנום, ביים וואַסער פונ׳ם אַלטען מַבּול, ביי אַלע דונערען און בליצען פון אַ געוויטער, בעשווער איך אייך, טעכטער פון לילית, אַז ביי מיין ערשטען ווינק, זאָלט איהר איהם אַרומרינגלען פון אַלע זייטען און טאַנ־צען אַרום איהם אַ ווילדען טאַנץ!

אַלע.

עס לעבע טָעות און צווייפעל!

די כשופ׳טע.

ביי דער ערשטער קְלָלה, וואָס זיינע ליפען וועלען אַרויס־זאָגען געגען דעם, וואָס ער פערגעטערט, זאָל׳ט איהר אַריינשטע־קען אייערע שאַרפע אָדלער־נעגיל אין זיין לייב אַריין און עס צורייסען אויף אַזויפיעל טיילען, וויפיעל אייער צאָהל בעטרעפט!...

אַלע.

עס זאָל זיין, ווי דו בעפעהלסט!

(פון דערוויטענס אויפ׳ן וועג לינקס זעהט מען דעם שָׂטָן)

די כשופ׳טע.

איך גיב אייך דאָס רעכט נור אויף זיין קערפער; זיין נשָמה זאָלט איהר אָבער לאָזען פאַר מיר. איך וויל האָבען דעם כָּבוד זי מיט מיינע אייגענע הענד איבערצוגעבען צו אונזער מעכטיגען הערשער!

אַלע.

לעבען זאָל דער קעניג פון דער פינסטערניש!...

דער שָׂטָן (אָנקומענדיג).

זי מעסט זיך דאָס גאָר ניט שלעכט אָן... (צו דער כשופ׳טע) עה! עה, אַלטע!

די כשופ'טע (מיט כעס).

ווער וואַגט עס מיט מיר אַזוי צו רעדען?

דער שטן (מיט איראָניע).

אַ גליק, וואָס דו האָסט ניט מעהר ווי איין אויג; אַנדערש— וואָלסטו מיך באַלד דערקענט.

די כשופ'טע (מיט שרעקליכען צאָרן).

ביזטו אַ מענשענקינד, זאָלען אויף דיר פאַלען אַלע קללות פון דעם גיהנום! ביזטו אַ שד, דאַן ציטער פאַר מיין מאַכט! (זי דראָהעט איהם מיט איהר שטעקען).

דער שטן.

אָהאָ! אַלטע, וואָס טהוסטו? ערלויב אַ קאַץ דיר צו גלעטען דאָס פּנים, דראַפּעט זי דיר די אויגען אויס. — דרך־ארץ, אַלטע מכשפה! ווייס, מיט וועמען דו רעדסט!

די כשופ'טע.

און דו, ווייסטו מיט וועמען דו רעדסט?

דער שטן.

אויב איך בין מיך ניט טועה, זעהסטו־אויס צו זיין אַ קאָרטענוואָרפערין, אַנ'עין־הרע־שפּרעכערין, אַ גבאי'טע, וואָס מאַכט חתונה אַלטע בתולות, און אפשר אויך אַ בריאה, וואָס האַנדעלט מיט לעבעדיגער סחורה...

די כשופ'טע.

ציטער פאַר מיין נקמה!... די אַלע שדות, וואָס דו זעהסט, זענען אונטער מיין מאַכט. אויב איך וועל זיעגען, ווער איך פּרינצעסען פון דער פינסטערניש!...

דער שטן.

ווען דו וואָלסט נאָך געהאַטביידע אויגען און נישט גע־קוקט העכער ווי דו דאַרפסט, וואָלסטו דערקענט, אין מיין לינקען פוס, ווער איך בין! (ער שטופּט איהר דעם פוס אין פּנים אַריין)

די כשופ'מטע (איהם דערקענענדיג, וואַרפט זיך אויף די קניע).

איך בין דיין ערגעבענסטע דיענסט, גייסט פון פערפיהרונג!

דער שטן (זיך פערנייגענדיג, מיט איראָניע).

און איך — אַייער ערגעבענער דיענער, מאַדאַם! קאָן איך מיר ערלויבען אַייך צו פרעגען, פון וואַנען איהר קומט, וואוהין איהר געהט און וואָס איהר גרייט דאָ צו מיט אַייערע ערגעבענסטע דיענסטען?...

די כשופ'מטע.

איך קום פון דעם גיהנום, וואו איך האָב געהאַט דעם כּבוד צו רעדען מיט דעם אַשמדאי אַליין; איך געה צום למדוואָר'ניק; וואָס אָנבעלאַנגט די דריטע פראַגע, קאָן איך דיר אויף איהר ניט ענטפערן.

דער שטן.

חאַ־חאַ־חאַ! איך פערשטעה. עס האַנדעלט זיך אַ וודאי וועגען אַ ליעבעס־ערקלערונג!... דיין הוסטען וועט איהם ענטציקען, אַלטע!...

די כשופ'מטע.

איך געה בעפרייען די מוטער פון דער נאַכט.

דער שטן.

און דו גלויבסט עפּיס אויפצוטהון? ביז איצט איז דער גאַנצער גיהנום געגען איהם געבליבען אָהנמעכטיג. מען וואָלט זאָגען, אַז עס פּליסט גאָר קיין מענשענבלוט ניט אין זיינע אָדערען!

די כשופ׳טע.

אַ שטומער פֿערשטעהט זיך פֿיעל לייכטער מיט אַ שטומען, ווי מיט אַ רעדעוודיגען. צו בעהערשען דאָס מענשענקינד מוז מען זיין אַ מענשענקינד.

דער שטן.

איך האָב געפּרובט דעם צוויפעל...

די כשופ׳טע.

וועל איך פּרובען דעם טעות!...

דער שטן:

אויב אַזוי, ווינש איך דיר ערפֿאָלג! און אויב דיר געלינגט אָבצוגעבען דער מוטער פֿון דער נאַכט איהר פֿרייהייט, דאַן איז דיין צוקונפֿט געזיכערט. דער גאַנצער גיהנום וועט דיר דאַנקבאַר זיין. קודם־כל מוזטו מיר אָבער העלפֿען בעפֿרייען אונזער אָרימען משחית׳ען, וועלכער פּלאָגט זיך געבעך דאָ, געגען זיין געוועהנהייט, צווישען פֿיער ווענד שוין אַזאַ לאַנגע צייט!

די כשופ׳טע.

עס זאָל זיין, ווי דו בעגעהרסט! זאָג, וואָס דאַרף איך טהון?

דער שטן.

אויסברעכען די טהיר. דער קאָשמאַרענגייסט איז שוין פֿריי. די האַנד פֿון אַ מענשען האָט אויסגעבראָכען די פֿענסטער און האָט איהם אַרויסגעלאָזט אויף דער ליכטיגער וועלט. משחית מוז אָבער אַרויס נור דורך דער טהיר.

(די כשופ׳טע ברעכט אויס די טהיר פֿונ׳ם הייזעלע. משחית, אַ ווילדע בריאה מיט אַ שוואַרצען האָריגען קערפּער, ברענענדיגע, מיט בלוט פֿערגאָסענע אויגען, אַ געזיכט, וואָס דריקט־אויס די העכסטע שטופֿע גרויזאַמקייט, לויפֿט אַרויס)

אַלע:

לעבען זאָל טעות און צוויפֿעל!... לעבען זאָל די פֿינסטערניש!... (זיי פֿערשווינדען)

(דער הימעל ווערט אויסגעלייטערט. די לבנה בעשיינט טרויעריג די אומ־געגענד. — זיעבען אַלטע לַמֶד־וָאוֹ'ניקעס קומען־אָן אֵיינציגווייז דורך דעם וועג, רעכטס און לינקס, אַלע אין קיטלען און מיט טַליתים אויף די קעפּ)

אֵיין לַמֶד־וָאוֹ'ניק.

ווען וועט שוין אַמאָל קומען אַ סוף צו דער פינסטערער נאַכט!...

אַ צווייטער.

דער גוֹאֵל איז ניט ווייט!...

אַ דריטער.

ער זיצט אין די טויערען פון רוים, בינדט־אָב און פערבינדט זיינע וואונדען...

אַ פיערטער.

דער טאָג איז קורץ, די אַרבייט איז שווער — און די מענשען זענען פויל!...

אַ פינפטער.

מאַכט פון אַלע הערצער אֵיין האַרץ, פון אַלע נְשָׁמוֹת — אֵיין נְשָׁמה, און די גאולה וועט קומען!...

אַ זעקסטער.

מיינעליידען זענען אַייערע, און אַייערע ליידען זענען מיינע!...

דער זיעבעטער.

וועה! די שכינה איז אין גָלוּת!...

אַלע.

וועה! די שכינה איז אין גָלוּת!...

דער ערשטער.

שווער, זעהר שווער איז זי צו בעפרייען! און פונדעסטוועגען ווענדט עס זיך נור אין אונז אַליין. ווי געפינט מען אָבער די

אֱמֶת'ע נקודה? ווי אַזוי ווערט מען געוואָהר, ווי גרויס אונזער אייגענער כּחַ איז? ווען איז אונז ערלויבט אונזערע אויגען צום הימעל אויפצוהויבען, און ווען מוזען מיר געהן מיט דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגען? האָפנונג אָהן מַעשים ברענגט צו ספֵקות; צופיעל גלויבען אין אייגענעם כּחַ פיהרט צו יאוש. וואו? וואו געפינט מען די אֱמֶת'ע נקודה, וואו אונזער כּחַ זאָל מעגען טהון און אונזער האַרץ האָפען גאַנץ פריי?... שוין אַריבער פיערציג טעג, זינט אונזער חבר איז פון אונז אַוועקגעגאַנגען! נאָך ביים ערשטען מִשְמָר האָט ער בעדאַרפט זיין צוריק, און ווי איך זעה, איז ער שוין פון דאָרט ניט אַרויסגעקומען!

דער צווייטער.

ער האָט צופיעל געגלויבט אין זיין אייגענעם כח!...

דער דריטער.

יאָ, ער האָט צופיעל געגלויבט אין זיין אייגענעם כח!...

דער פיערטער.

ער איז געוועזען צו-יונג...

דער פינפטער.

ס'איז נאָך ניט געוועזען די ריכטיגע צייט...

דער זעקסטער.

ער האָט געוואָלט אויפבויען אַ שטאָדט אויף אַ בית-עלמין— זענען די מֵתים אַרויס פון זייערע קבָרים און האָבען די לעבעדיגע צו זיך אַריינגעשלעפט...

דער זיעבעטער.

מיר האָבען איהם ניט בעדאַרפט לאָזען געהן אַליין!...

דער ערשטער.

מיר האָבען צופיעל געזאָרגט פאַר די טויטע, און מיר האָבען פערגעסען אין די לעבעדיגע! לאָ'מיר האַטש זוכען אַרום

זיין הויז. אויב ער איז געפאַלען אַ קרבן פאַר דער קדושה, אויב די האַנד פון דער פינסטערניש האָט ביי איהם דאָס לעבען אוועקגערויבט, וועלען מיר געפינען זיין קערפער נים ווייט פון זיין הויז. און אויב מיר געפינען איהם ניט...

דער זעקסטער.

האָט ער געצווייפעלט...

דער ערשטער.

האָט די הייליגקייט פערלאָרען אַ קינד, און מיר—אַ חבר!...

דער זעקסטער.

דאַן קאָנען מיר רייסען קריעה און בעוויינען אַ נייעם קרבן!...

(זיי צושפרייטען זיך אַרום דעם הייזעלע און זוכען פון אַלע זייטען)

דער ערשטער (אַריינקוקענדיג אין הייזעלע אַריין).

די מהיר און פענסטער זענען אויסגעבראָכען. און אינעווענינ איז קיינער נישטאָ...

דער צווייטער (צולויפענדיג).

עס דערקענט זיך די האַנד פון אַ שונא!

דער דריטער.

זעהט נור, וואָס עס טהוט זיך אויף דער ערד!... די טריט זענען נים קיין מענשענטריט...

(די איבריגע, צולויפענדיג, קוקען אויף דער ערד)

דער ערשטער.

די סיטרא אַחרא איז דאָ אַרום דורכגעגאַנגען...

דער דריטער.

איך דערקען די טריט פֿון משחית'ען. זיי זענען היים ווי פֿייער און רויט ווי בלוט...

דער ערשטער.

עס וועט נאָך אָפּשר צייט זיין איהם מציל צו זיין...

דער צווייטער.

מיר וועלען געהן נאָך די שפּורען...

אלע.

מיר געהען!.. מיר געהען!.. (זיי געהען אָב דורך דעם וועג, לינקס)

(אויף דעם טייך בעווייזט זיך אַ שיפעל, אין וועלכען מען בעמערקט דעם למד־וָאו'ניק, דעם פעלד־שטיין און לילית'ן. דאָס שיפעל שטעלט זיך אָב ביים ברעג און אַלע דריי שטייגען־אויס און געהען צו דעם הייזעלע)

דער למד־וָאו'ניק (דערשראָקען).

טהיר און פֿענסטער אויסגעבראָכען, און די גייסטער פֿער־שוואונדען!...

דער פֿעלד־שטיין.

דאָס האָט געטהון אַ האַנד, געגען וועלכער די ביזט אָהנמעכטיג...

דער למד־וואו'ניק.

אַ האַנד, געגען וועלכער איך בין אָהנמעכטיג?

דער פֿעלד־שטיין.

אַ האַנד פֿון אַ מענשענקינד...

דער למד־וואו'ניק (מיט טרערען אין דער שטימע).

אָ, מענשען!... מענשען!...

דער פעלד־שטיין.

פונדעסטוועגען, זיי ניט אונרוהיג. אהן דער מוטער פון דער נאכט זענען יענע גייסטער אונשעדליך...

דער למד־ואו'ניק (מיט כעס).

און די מוטער פון דער נאכט איז אין מיין געוואלט!...

דער פעלד־שטיין.

יא, אין דיין געוואלט... און אין דיין געוואלט וועט זי בלייבען אזוי לאנג, ווי קיין מענשענקינד וועט ביי דיר דיין לעבען ניט אוועקרייבען... דו ביזט איהר הער און זי דיין שקלאף; דו קאנסט איהר בעפעהלען, זי וועט דיך אלעס פאלגען און וועט, ביי דיין לעבען, קיין זאך ניט טהון אהן דיין ערלויבעניש... (ער פיהרט אריין לילית'ן אין הייזעלע אריין) פאר אנטלויפען דארפסטו ניט מורא האבען. זי וועט פון דאנען ניט ארויסגעהן, סיידען דו אליין וועסט עס איהר בעפעהלען.

דער למד־ואו'ניק (זיך אנידערזעצענדיג מיעד אויפ'ן שטיין און אנשפארענדיג דעם קאפ אויףביידע הענד).

אה, דאס ווייס איך גאנץ גוט!...

דער פעלד־שטיין (נאך א מאמענט שטילשווייגען).

נו, האב איך מיין שבועה געהאלטען?

דער למד־ואו'ניק.

טריי געהאלטען.

דער פעלד־שטיין.

האב איך דיר געהאלפען זוכען, קעמפפען און פאנגען?

דער למד־ואו'ניק.

יא...

דער פֿעלד-שטיין.

איך בין אַלזאָ פֿון מיין שבועה ריין און קאָן פֿריי פֿון דיר אַוועקגעהן?

דער למד-וואו'ניק.

די וועלט איז פֿאַר דיר פֿריי.

דער פֿעלד-שטיין.

איך דאַנק דיר!

דער למד-וואו'ניק.

עס קומט מיר פֿון דיר קיין דאַנק ניט. דו האָסט דיין וואָרט געהאַלטען און איך האַלט מיינס.

דער פֿעלד-שטיין.

די מוטער פֿון דער נאַכט איז אין דיין געוואַלט און מיט איהר זענען מיר, אַלע קליינע גייסטער, אויך דיינע שקלאַפֿען!...

דער למד-וואו'ניק.

איך וויל מיין מאַכט גענען דיר ניט אויסנוצען. דו קאָנסט דיר געהן. ווען מיין ציעל וועט זיין דערגרייכט, וועל איך דיינע טובות געדענקען...

דער פֿעלד-שטיין (אַוועקגעהענדיג).

איין זאַך מוז איך דיר נאָך זאָגען: זיי פֿאָרזיכטיג, מענשען-קינד, ווייל צופֿיעל ליכט האָט דיזעלבע ווירקונג, וואָס די פֿינסטערניש; ביי אַ געוויסער שטופֿע האָבען זיי ביידע די איינע-שאַפֿט דאָס אויג פֿון דעם מענשען בלינד צו מאַכען...

דער למד-וואו'ניק (נערוועז).

שווייג!...

דער פֿעלד-שטיין (פֿערשווינדענדיג).

זיי פֿאָרזיכטיג!...

ווידער-קולות (פון אלע זייטען).

זיי פאָרזיכטיג!... זיי פאָרזיכטיג!... זיי פאָרזיכטיג!...

(דער למד-ואו'ניק שפרינגט-אויף און קוקט זיך אַרום דערשראָקען. — די קולות שטילען זיך ביסלעכווייז-ביסלעכווייז איין. — דער הימעל ווערט פינסטער.— דער שטן בעוויזט זיך אויף דעם וועג און בעהאַלט זיך הינטער אַ בוים, אַזוי אַז דער למד-ואו'ניק זאָל איהם ניט בעמערקען)

דער למד־ואו'ניק (אונטער דעם איינדרוק פון די ווידער־קולות).

„זיי פאָרזיכטיג, מענשענקינד, ווייל צופיעל ליכט האָט דיזעלבע ווירקונג, וואָס די פינסטערניש... זיי פאָרזיכטיג!"... און דאָס זאָגט מיר אַ גייסט, וועלכער, טראָגט דער אומריינקייט, וואָס רינגעלט איהם אַרום, פיהלט אַ געהיימע אַכטונג פאַר דער אונשולד און פאַר דער טוגענד... „זיי פאָרזיכטיג, מענשענקינד!"... זאָל אַלזאָ די פערשאָלטענע פינסטערניש זיין מיט דער ליכטיגקייט אַזוי ענג פערבונדען, אַז אָהן איהר זאָל דאָס מענשענאויג זיין פער'משפט צו אַן'אייביגער בלינדקייט?... „צופיעל ליכט האָט דיזעלבע ווירקונג, וואָס די פינסטערניש"!... און וואָס בעשטעהט אַלזאָ די העכערקייט פון איינער איבער דער צווייטער, וויבאַלד ביידע מאַכען מיינע אויגען בלינד?...

דער שׂטן (בעהאַלטען).

איינע מאַכט די צווייטע מילד!...

דער למד־ואו'ניק (אויפהויבענדיג דעם קאָפּ צום הימעל).

איינע מאַכט די צווייטע מילד!... אויב אַזוי, זענען זיי דאָך ביידע נויטיג?

דער שטן (בעהאַלטען).

ביידע נויטיג!...

דער למד־ואו'ניק (דערשראָקען).

איז דאָס אַ בת־קול פונ'ם הימעל, אָדער איז דאָס דער אָבקלאַנג פון מיינע איגענע ווערטער?...

דער שטן (בעהאַלטען).

אײגענע װערטער !...

דער למד־װאָו׳ניק (זיך צוהערענדיג).

יאָ, דאָס איז דער אָבקלאַנג פֿון מײנע אײגענע װערטער...

דער שטן (בעהאַלטען, גאַנץ שטיל).

װ ע ר ט ע ר !...

דער למד־װאָו׳ניק (פֿער׳חלומ׳ט).

און אָפֿשר האָט גאָט געװאָלט, אַז דער מענש זאָל בלײבען בלינד ? . . . צו־װאָס אַלזאָ דער אײביגער קאַמפּף געגען דער פֿינסטערניש ? צו־װאָס אַלזאָ װעלען אױסבעסערן די װעלט?... האָט ער אַלײן דען ניט פֿערזיכערט, אַז אַלץ, װאָס ער האָט בעשאַפֿען, איז זעהר גוט ?...

דער שטן (בעהאַלטען).

ער האָט געװאָלט, אַז דו זאָלסט בלײבען אײביג בלינד!... ער האָט מורא געהאַט, אַז דו זאָלסט ניט זײן גלײך צו איהם!...

דער למד־װאָו׳ניק (קוקענדיג צום הימעל, װי צומישט).

אַז איך זאָל ניט זײן גלײך צו איהם ?... פֿאַרװאָס אַלזאָ קלאָגט זי זיך, די שכינה ? פֿאַרװאָס געהט זי אין קעטען געשלאָסען און טראָגט אַ שװאַרצען שלײער אױף איהר פּנים ?...

דער שטן (בעהאַלטען).

זי געהט ניט אין קײן קעטען געשלאָסען ; זי טראָגט ניט קײן שװאַרצען שלײער אױף איהר פּנים ; די שכינה איז ניט מעהר, װי אַ פֿערפֿיהרעריש געשפּענסט, װאָס דײן קראַנקע פֿאַנטאַזיע האָט אין איהר פֿערצװײפֿלונג אױסגעװעבט ; דאָס איז די פֿערקערפּערונג פֿון דער אײביגער קללה, װאָס גאָט האָט אױף דיר געװאָרפֿען!... דאָס איז דײן צער, דײן יאָמער, דײן װעלט־שמערץ !...

דער לַמד־וואָו'ניק (מיט שרעקליכער אויפרעגונג).

פֿאַלשקייט! ליגען! פערפֿיהרונג! איך דערקען דיין שטימע: זי פֿערפֿאָלגט מיך אָהן אויפֿהער און דרינגט אַריין ביז אין דער טיעפֿקייט פֿון מיין האַרצען!... איך ווייס, איך ווייס, צו וואָס דו שטרעבסט, דו שטרעבסט אַרויסצוּרייסען די הייליגקייט פֿון מיין נשָׁמה; דו שטרעבסט צו צושטערען דעם בִּנְיָן פֿון אַ גאַנץ לעבען; דו ווילסט טויטען מיין שכינה און פֿער'משפּט'ען דאָס מענשענקינד צו אַנ'אייביגען צַעַר, צו אַנ'אייביגען גָלות!... ניין, איך וועל דאָס ניט דערלאָזען!... איך וועל דאָס ניט דערלאָזען!... (ער לויפט-צו צום הייזעלע און שלעפּט אַרויס לילית'ן אין דרויסען אַרויס) האָסט שוין גענוג געלעבט אויף דער וועלט, מוטער פֿון דער נאַכט! גענוג גרויס איז שוין די צאָהל פֿון דיינע קָרבָנות!... האָסט געקעמפֿט מיט דער גאָטהייט; האָסט געוואָלט בעהערשען די אייביגקייט — און שטאַרבען וועסטו דורך דער האַנד פֿון אַ מענשענ־קינד!... (ער שטויסט זי אָב פֿון זיך) אָט דאָ, אונטער דער געדיכטער פֿינסטערניש, וואָס הענגט איבער מיין קאָפּ, וואָס שלעפֿערט־איין די אונשולד און די טוגענד און רויבט ביי זיי זייער גאַנצע טעטיגקייט אַוועק, אונטער דערזעלבער פֿינסטערניש זאָלסטו פֿאַלען אַ קָרבן און מיט דיין אייגען בלוט אָבוואַשען די שוואַרצ־קייט, וואָס רינגעלט מיך אַרום!... (ער האַפּט־אַרויס אַ מעסער און בעהע:ט עס אין דער לופט) האָסט שוין גענוג געלעבט אויף דער וועלט; דיין ענדע איז געקומען!...

דער שטן (בעהאַלטען).

האַלט־איין דיין האַנד, זוהן פֿון בלוט און פֿלייש!... דו ווילסט אומברענגען די, וואָס האָט דיר אַ לעבען געשאָנקען, און דו לאָזט לעבען יענע, וואָס האָט געוואָלט, אַז דו זאָלסט בלייבען אונבעוועגליך ווי אַ שטיין?... געדענק, אַז די פֿינסטערניש האָט דיך געמאַכט פֿאַר אַ גאָט!

דער לַמד־וואָו'ניק (אויפציטערנדיג).

ווידער דיזעלבע שטימע!...

דער שטן (בעהאַלטען)

די ליידען זענען דער קוואַל פון יעדער טעטיגקייט, און טעטיג זיין — דאָס איז לעבען!

דער למד־וואָו'ניק:

לעבען, דאָס איז גליקליך זיין!...

דער שטן (בעהאַלטען).

לעבען, דאָס איז שטערבען; דאָס אמת'ע גליק איז דער טויט!...

קולות פון אַלע זייטען.

זיי פאַרזיכטיג, מענשענקינד!... זיי פאַרזיכטיג!...

דער למד־וואָו'ניק (ויך אַרומקוקענדיג ווילד).

יאָ, איך וועל זיין פאַרזיכטיג!... פאַרזיכטיג מיט אייך, צו־שטערענדע גייסטער!... אָבער פאַרוואָס ציטערט מיין האַנד?... פאַרוואָס לויפט־אַרום אַ גיפטיגע קעלט איבער מיין גאַנצען קער־פער?... פאַרוואָס חאַפט אַ געהיימע מורא מיך אָן און שטעלט־אויף מיינע האָר, ווי טשוועקעס, אויף מיין קאָפּ, דערהערענדיג די ווערטער, וואָס קלינגען פאַר מיינע אויערען?... „זיי פאַרזיכ־טיג!... זיי פאַרזיכטיג, מענשענקינד!"... און מיין האַרץ ווערט פערקלעמט און מיין גאַנץ וועזען ציטערט, ווי אין אַ פיעבער. איך בין געוועזען אין מיטען דעם גיהנום, האָב געקעמפפט מיט דעם אַשמדאי אַליין; האָב מיך קיינמאָל פאַר זיין פינסטערער מאַכט ניט געשראָקען, און איצט, ווען איך שטעה שוין אויף דער שוועל פון דעם זיעג, ווען איך האַלט שוין דאָס גליק אין מיינע אייגענע הענד, זאָל איך ציטערן און מורא האָבען דערפון צו געניסען!?... אָ, הייליגקייט! איך פיהל, איך פיהל, ווי קליין און נישטיג מיין כח איז אָהן דיר! אויב דו געדענקסט דיין הַבְטָחָה, שטעה ניט פון דערווייטען! פערגעס מיך ניט אין דעם יעצטיגען מאָמענט! מיין כח איז צו־שוואַך; מיין מוט פער־לאָזט מיך!... אָ, שכינה! ליידענדע מוטער פון דער מענשהייט!

בעוויז דיך און העלף דיינע קינדער אין זייער נויט!...

(די שכינה, אין שווארצען שלייער, ערשיינט)

די שכִינָה.

איך וואנדער־ארום דורך דער לאנגער, פינסטערער נאכט, קלאפ אין אלע טהירען און קיינער לאזט מיך ניט אריין!...

דער למד־וואו'ניק (ערשטוינט, קוקענדיג אויף לילית'ן און אויף דער שכינה).

עהנליך, ווי צוויי טראפען וואסער!...

די שכינה.

דו דערקענסט מיך ניט, מיין זוהן?

דער למד־וואו'ניק.

פארוואס ביזטו צו מיר אזוי קאלט, מוטער?...

די שכינה.

דו אליין האסט דיך אומגעביטען; איך בלייב תמיד דיזעלבע...

דער למד־וואו'ניק (מיט טרערען אין דער שטימע).

מוטער, איך וויל האלטען מיין שבועה!...

די שכינה.

דו האסט צו־וועניג געדענקט, איידער דו האסט געשווארען, מיין קינד!...

דער למד־וואו'ניק (מיט טרערען אין דער שטימע).

מוטער, איך וויל האלטען מיין שבועה!... העלף מיר!...

די שכינה

איך טאר קיין זאך ניט טהון..

דער למד־וואו'ניק (ווי משוגע, לויפט־צו צו לילית'ן, דרעהע־
דיג דאָס מעסער אין דער לופט).

שטאַרב, מוטער פון דער נאַכט!... שטאַרב!... שטאַרב!...

(אין דעם מאָמענט, וואָס ער וויל זי אָנחאַפּען, בעוויזט זיך די כשופ'טע מיט איהר גאַנצער מַחנה שֵדות, וועלכע זעהען־אויס פונקט ווי לילית און די שכינה)

די שֵדות (כּייטענדיג אַלעמאָל זייערע ערטער, טאַנצען און זינגען אַרום דער שכינה און לילית'ן).

צורייסט אויף טויזענד שטיק די וועלט,
פערפיהרט, פערפיהרט דאָס מענשענקינד!
און אויב יְהֹוָה בענשט, דאַן שעלט
און מאַכט דעם מענשענס אויגען בלינד!...

(זיי בלייבען שטעהן אין איין רייהע מיט דער שכינה און מיט לילית'ן)

דער למד־וואו'ניק (ווי צומישט).

וועלכע איז די שכינה?... וועלכע איז די מוטער פון דער נאַכט?... וועמען זאָל איך טויטען?... וועמען זאָל איך לעבען לאָזען, ווען אַלע זענען גלייך?... אָ, הייליגקייט!... פערשטויס מיך ניט!.. זאָג, וואָס איך זאָל טהון?...

די שכינה.

דאָס דאַרף קומען פון דיין אייגענער נשָמה!...

דער למד־וואו'ניק:

איך וויל דיך בעפרייען, שכינה!...

די שכינה.

דו האָסט געצווייפעלט!...

דער למד־וואו'ניק (מיט אַ האַרצרייסענד געוויין).

ניין, שכינה, איך וויל גלויבען... העלף מיר!... (ער לויפט מיט דעם מעסער און זוכט לילית'ן)

די שֵדוֹת (בייטענדיג זייערע ערטער, טאַנצען און זינגען).

אומזיסט דאָס לעבּן, אומזיסט די שיין,
וואָס דו פאַרשפּרייטסט, אָ הייליגקייט!
דער אַשמדאַי מוז זיעגער זיין
און קעניג פון דער אייביגקייט!

(זיי בלייבען ווידער שטעהן אין איין רייהא מיט לילית'ן און מיט דער שכינה)

דער לַמד-וואו'ניק (פערצווייפעלט, קוקט ווילד אַרום זיך).

וועלכע איז די שכינה?... וועלכע איז די מוטער פון דער נאַכּט?... וועמען זאָל איך שעלטען?... וועמען זאָל איך בענשען?... איך הויב-אויף מיין האַנד און ציטער, אַז מיין מעסער זאָל ניט טרעפען דער, וואָס איך פערגעטער!... (ער זוכט ביי זיך) מיין תּורה!?... וואו איז מיין תּורה!?...

די שכינה.

דו האָסט געצווייפעלט!...

דער לַמד-וואו'ניק (גיט אַ ווילדען געשריי).

כ'האָב פערלאָרען מיין תּורה!... כ'האָב פערלאָרען מיין קראַפט!...

אַלע שדוֹת (זיך בייטענדיג מיט די ערטער).

ער האָט געצווייפעלט!... מיר ועלען זיגען!...

דער לַמד-וואו'ניק.

מיינע אויגען ווערען טונקעל!... וואו איז די שכינה?... וואו איז לילית?...

די שֵדוֹת (בייטענדיג אַלעמאָל זייערע ערטער).

לעבען זאָל טָעות און צווייפעל!...

דער לַמד-וואו'ניק (קוקענדיג ווילד אַרום זיך).

זענען זיי אַלע שכינוֹת?... זענען זיי אַלע שֵדוֹת?... (ער וואַרפט אַוועק דאָס מעסער) ניין!... איך וויל ניט טויטען די הייליגקייט!...

די שֵׁדות.

ער האָט געלעסטערט !...

די שכינה.

ער האָט פֿערגעטערט !...

די שֵׁדות.

ער האָט פֿערלאָרען !...

די בְּשוּפ׳טע (האַפּט פֿון דער ערד דאָס מעסער און דער-שטעכט דעם למד-וואו׳ניק, שרייענדיג).

דו ביזט בעזיעגט !... שטאַרב !...

דער למד-וואו׳ניק (פֿאַלענדיג טויט).

וואו... איז... די... שכי...נה ?... וואו... איז... לי...לית ?...

די בְּשוּפ׳טע מיט אַלע שֵׁדות (פֿערשווינדענדיג).

לעבען זאָל טָעות און צווייפֿעל!... לעבען זאָל די פֿינסטערניש !...

די שכינה (אויפֿהויבענדיג די הענד צום הימעל, מיט געוויין).

און דערווייל זאָלען מיינע קינדער ליידען ?... און דערווייל זאָלען זיי טרינקען די ביטערניש בעפֿערוויז און דו וועסט עס צוזעהן און שווייגען ?... אָ, הימלישער פֿאָטער!...

שטימען פֿון אויבען.

וועה! די שכינה איז אין גָלות!... וועה! די שכינה איז אין גָלות!...

(די שכינה זעצט זיך אַראָב נעבען דעם טויטען קערפּער פֿונ׳ם למד-וואו׳ניק און וויינט גאַנץ שטיל. — ראָס פֿאָ־האַנג פֿאַלט לאַנגזאַם)